STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05421

VEGEN Z. SEGALOVITSH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. בראָדערזאָן
דר. י. גאָטליב
ש. האָראָנטשיק
אברהם זאַק
שמואל זאַראָמב
וו. לאַצקי-בערטאָלדי
איציק מאַנגער
יואל מאַסטבוים
ש. י. סטופּניצקי
יהושע פּערלע
רחל ה. קאָרן
מלך ראַוויטש

——— וועגן

ז. סעגאַלאָוויטש

צו זײַן דרײַסיק יעריקן שרײַבער-יובל

1933 1903

ארויסגעגעבן דורך דעם פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע.
רעדאַגירט דורך דעם יובל-קאָמיטעט
פאַרלאַג ח. ברזשאַזאַ, וואַרשע 1933.

Z OKAZJI TRZYDZIESTOLECIA
PRACY LITERACKIEJ
Z. SEGAŁOWICZA
ZBIÓR ARTYKUŁÓW.

Wyd. Ch. BRZOZA, WARSZAWA
1 9 3 3

Odbito w druk. „GRAFJA", Warszawa, Orla 9, tel. 11-57-82

אינהאַלט:

	ביאָגראַפישע סקיץ	6
משה בראָדערזאָן	דאָס ליד פון יעדן איינעם	9
וו. לאַצקי בערטאָלדי	ז. סעגאַלאָוויטש	11
איציק מאַנגער	ז. סעגאַלאָוויטש דער ליריקער . . .	23
ד״ר י. גאָטליב	נאַטור-תאוה	32
מלך ראַוויטש	דער אייביק איינזאַמער מיטן אייביקן סענטימענט	37
ש. י. סטופּניצקי	די ברכה פון וואַלד	47
יהושע פּערלע	אַן יחוס-בריוו	54
רחל ה. קאָרן	דער דיכטער פון פרוי און נאַטור . . .	58
יואל מאַסטבוים	די ברוגזע פּלייט	62
שמעון האָראָנטשיק	דער ראָמאַנטיקער	66
אַברהם זאַק	דער עלעגישער סעגאַלאָוויטש . . .	74
שמואל זאַראָמב	אַ פענסטער צום ים	81

דער יובל-קאָמיטעט:

ערן-פּאָרזיץ: שלום אַש/ד״ר י. גאָטליב, יהושע פּערלע, מלך ראַוויטש.

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש איז געבוירן געוואָרן ר״ח
אדר תרמ״ד (1884) בײַ אַ מיטל סוחרישער
פֿאַמיליע אין ביאַליסטאָק. פֿרי געגאַנגען פֿאַר-
דינען אויף פֿאַרשיידענע פּאָסטנס, אויך גע-
אַרבעט אַ צײַט אין אַ קאַכל־פֿאַבריק שווערע
פֿיזישע אַרבעט. זײַן ערשט ליד „טישע, טישע,
סערצע!״ איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין ביאַ-
ליסטאָק, אין פּאָדאָלסקיס רוסישע זאַמלונגען,
(3־טן מערץ 1903). אין 1904 דעבוטירט אין
פּעטערבורגער „פֿרײַנד״. ער האָט אָנטייל גע-
נומען אין דער באַפֿרײַאונגס־באַוועגונג פֿון 5־טן
יאָר. פֿיל מאָל אַרעסטירט געווען און לאַנגע
חדשים פֿאַרבראַכט אין ביאַליסטאָקער, גראָדנער,
ווילנער און לאָדזער תּפֿיסות. נאָך דעם ביאַליס-
טאָקער פּאָגראָם אַרויסגעפֿאָרן צוזאַמען מיט דער
פֿאַמיליע אויף שטענדיק קיין לאָדז.

אין יאָר 1909 איז דערשינען זײַן ערשטע לידער-
זאַמלונג „שטילע טרוימען״, שפּעטער „רײַזעלע
דעם שוחטס״ קאַזימיערזש און אַנדערע.

אין צײַט פֿון קריג געדינט אין רוסישן מיליטער,
ביז נאָך דער רעוואָלוציע פֿערבראַכט אין די
גרעסערע רוסישע צענטערן, ווי אויך אין קאַוו-
קאַז און קרים. אין יאָר 1919 צוריקגעקומען
קיין פּוילן, וואו ער זעצט פֿאָר זײַן ווײַטער-
דיקע ליטעראַרישע אַרבעט. ביז איצט האָט ז.
סעגאַלאָוויטש פֿאַרעפֿנטלעכט 19 בענדער ראָמאַ-
נען, נאָוועלן, פּאָעמען און לידער.

משה בראָדערזאָן

דאָס ליד פֿון יעדן איינעם

מיין עלטערן ברודער אין 'דער פֿען ז. סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט, ווי מיר דאָ אַלע, אַ בלוט־שייכות צו די צוויי אויסטערלישקייטן: צום פֿאָלק אָן אַ לאַנד און צו דער ליטעראַטור אָן אַ פֿאָלק.

עס איז פֿאַר מיר אַ שפּיגל — די גאַנצע וועלט
מיט אַלדאָס לעבעדיקע, מיטן דומם,
מיט אַלץ, וואָס איבעריק, מיט אַלץ, וואָס פֿעלט,
אויף טריקעניש, אין ים און אין די רוימען!

איך ווייס, ווי דו, וואָס אומרעכט, וואָס גערעכט,
און יעדער איינער זיכער, גאָר אָן ספֿק ווייס עס,
ווי אונטערשיידן קאָן מען טאָג פֿון נעכט
זינט אָנהייב מענטש — זינט מעשׂי בראשית!

נישטאָ קיין סוד דערביי: פֿאַר יעדערן איז קלאָר,
פֿאַר ווייס און שוואַרץ — אָן אָרט מוז זיין פֿאַר ביידן,
דאָס איז באַשערט, און דאָס איז זי, די וואָר,
וואָס גרייט דעם גיהנום אונז מיט דעם גן עדן!

מיר מאַכן נאָר פאַרקערט, ווי אונז באַקוועם:
די נאַכט צום טאָג, און טאָג – צו נאַכט פון גרוילן,
מחלל זענען מיר דעם אייגענעם, דעם ברודערס שם,
און וויקלען זיך אין גרויע שפּינעכץ-קנוילן!

ס'איז אמת טרויעריק, וואָס נאָר די יוגנט בליט,
וואָס שנעל צעשווימט אין אונז דער ראָזער נעפּל;
וואָס טויט אַנטקעגן אונז צו שפּרייזן ווערט נישט מיד,
וואָס צייטיקייט מאַכט אָפּפאַלן דעם עפּל!

ס'איז אמת טרויעריק, וואָס וואָרעם מאַכט אַ נעסט,
אַ נעסט אין אונז, אין אָפּגרונט פון נשמות,
און שפּרייט אין אונז דעם צער, און זייט אין אונז די פּעסט,
און מאַכט אונז חלומען פון פינצטערע נקמות!

דאָס אַלץ איז בולט, קלאָר! דאָס אַלץ איז קלאָר פאַר מיר!
דאָס האָט מיך איינגעוויגט דער גורל אין מיין וויגל!
די אַנצוהערעניש — געהאַט ביי יעדער טיר!
די אָפּבילדונג פון דעם — געזען אין יעדן שפּיגל!

עס איז פאַר מיר אַ שפּיגל — די גאַנצע וועלט —
מיט שקרים דין, ווי מיט אַ טוי פאַרצויגן,
און גיב מיר מוט, אָ, גאָט, אין וועלטן נישט פאַרשטעלט,
זיך קאָנען קוקן גלייך אָן חרפּה אין די אויגן!!!

ו. לאַצקי בערטאָלדי

ז. סעגאַלאָוויטש

I

דער ליריקער פון גראַציעזן פערז

אויף אַשן קאָן מען זאָגן בקיצור „דער דיכטער פון שטעטל". פונקט אַזוי קאָן מען אויך ביי סעגאַלאָוויטשן אויסטיילן צווישן די לידער איין פּאָעמע און אים אָנרופן „דער דיכטער פון קאַזמיערזש". אויב איר זענט אַמאָל יונג און נישט נאָר אין יאָרן, נאָר אויך מיט דער נשמה, און איר האָט טועם טעם געווען פון ראָמאַנטיק, ליבע און אַלע אַנדערע גוטע זיבן זאַכן, וועט איר אויך פאַרשטיין די הנאה פון אַזאַ ווערק אין גראַציעזע פערזן, ווי סעגאַלאָוויטשעס „קאַזמיערזש", ווו איר געפינט, אמת, אויך אַביסל יידנשמערץ, נאָר ווו דער ווייטיק אַפילו איז אַזוי זיס און ריח-ניחוחדיק, ווי דער שטאָך פון אַ רויז... שיינע גרינגע פערזן באַזינגען ליבע, בלומען, בערג און טאָלן, צאַרטקייט און תאוה, קנאה און שנאה, און אַלצדינג איז אַזוי זומערדיק, מיט אַזויפיל זונשיין פאַרגאָסן, אין היץ צעפלאַמט און אין שאָטנס געקילט, אַז איר זעט באַשיימפערלעך, אַז פרץ איז געווען אומגערעכט מיט זיינע טענות צו יידיש, „וואָס האָט נישט פאַר ליבע דעם רעכטן וואָרט, דעם רעכטן קלאַנג".

ניין, סעגאַלאָוויטש האָט מיט זיין „קאַזמיערזש" טאַקע באַוויזן דעם

היפוך דערפון, און נישט נאָר פאַר ליבע — און דאָס איז נישט קיין גרינגער אויפטו געווען — אויך פאַר בלומען און געוויקסן האָט ער באַזונדערע נעמען באַנוצט און זיי צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט.

איז „קאַזמיערזש״ בשעתו געוואָרן אַ פּאָעמע פון ליבע פאַר אונזער יוגנט און עס איז אַ שאָד, וואָס מען זעט זי איצטער אַזוי זעלטן אין די הענט פון אונזערע יונגע לייענער: נישקשה, אין אונזער אכזריש-רעאַליסטישער צייט, וואָס יאָגט זיך אַזוי נאָך ממשותדיקייט, ווו אַפילו דער אמתער אידעאַליזם מוז זיך אויסבאַהאַלטן, ווערן אַ רואה ואינו נראה און מאַכן דעם אָנשטעל פון נאַאיוון מאַטעריאַליזם, — אַזאַ מין פּראַקטישער תּקופה וועט דאָס ביסל אָפענע ראָמאַנטיק פון „קאַזמיערש״ געוויס נישט פאַרשאַטן.

און אַגב איז אויך די גרינגקייט, שפּילעוודיקייט און טענצערישקייט פון סעגאַלאָוויטשעס פערז אַן אמתע רפואה פאַר אַסך מכּות פון אונזער צייט.

צי איז נישט אַפילו דער לירישער אומעט אין סעגאַלאָוויטשעס גראַציעזע פערזן אַסך גרינגער פון דער שווערער מרה-שחורה, וואָס באַלאַגערט אונזערע נשמות? אַ נו, פּרוווט אַ זונג טאָן „רייזעלע דעם שוחטס״ און זאָגט אַליין, צי עס ווערט אייך נישט גרינגער דערפון אויפן האַרצן?

און טאָמער וועט אייך אַביסל פאַרגלוסטן — פאַרשטייט זיך, נאָר אויף אַ ווײַלע — צו ווערן ווײניקער היינטוועלטיק, זיך אויסטאָן פון ציבור-הו-האַ, פון דער פּסדרדיקער כּלל-פּסיכאָלאָגיע און אַ פּראַווע טאָן התבודדות, אָט טאַקע מיט זיך אַליין, ביחידות, מיטן אייגענעם „איך״ פּנים אל פּנים, וועט אייך — איר מעגט מיר גלויבן באמנות — אַ ביכעלע סעגאַלאָוויטשעס גרינג-גראַציעזע לידער שטאַרק צונוץ קומען.

II

דער דיכטער פון „ברידער נעמזאר"

פאַראַן אין סעגאַלאָוויטשעס שאַפן צווי הויך־פּונקטן: איינער אין פּערזן—די פּאָעמע „אין קאַזמיערזש"; דער צווייטער אין פּראָזע—דער ראָמאַן „די ברידער נעמזאר". פון די נאָוועלן וואָלט איך אַריינ־נעמען אין כּלל „די גאָלדענע פּאַוועס".

אויב מיט די נייגצן בענדער ראָמאַנען און נאָוועלן האָלט סעגאַלאָוויטש פעסט אין די הענט טויזנטער און טויזנטער יידישע לייענערס, וועט ער מיט די אויבנדערמאָנטע דריי כּתבים זיינע זיכער און פעסט האַלטן זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער ראָמאַן „די ברידער נעמזאַר" איז אַ געזונט ווערק, עס שטראָמט פון אים מיט ריינער וואַלד־לופט, מיט מונטערער אַרבעטס־ענערגיע און, דער עיקר, עס שטראַלט פון אים מיט האַרמאָנישער גאַנצקייט: דאָס זענען נישט קיין אָפּטע מעלות ביי יידן, וואָס האָבן ליב גיכער געבראָכענע הערצער און איינגעבויגענע רוקנס.

די גרינגקייט, די גראַציעזע שפּילעוודיקייט פון סעגאַלאָוויטשעס שפּראַך פאַרפירט אָפט צו פונקט אַזאַ גרינגן און נישט זעלטן לייכטזיניקן פּסק־דין איבער זיין שאַפן. בייזע צינגער זאָגן, אַז סעגאַלאָוויטש שרייבט אָן אַ נאָוועלקע, ווי אַ הון לייגט אַן איי: נישטאָ די חבלי לידה, וואָס אימפּאָנירן אַזוי דעם יידישן מתמיד אַפילו איצטער, אין מער היינטוועלטיקע צייטן, בעת ער נעמט שוין פאַרגעסן דאָס בלעטל גמרא.

און פונדעסטוועגן האָט סעגאַלאָוויטש מיט זיינע גרינג־גראַציעזע מיט־לען אויסגעפונען אַזאַ וואָגיקע געשטאַלט, ווי קובאַ נעמזאר, וואָס

שפּיגלט אָפּ אין זיין גייסטיקן מהות די מענטשן אויף דער גרענעץ פֿון צוויי תּקופֿות, פֿון צוויי וועלטן, פֿון מזרח און מערב, פֿון רוסלאַנד און די „אַנדערע לענדער״ און וועט דעריבער פֿאַרבלייבן אַ שם דבר און אַ סימבאָל אין דער יידישער ליטעראַטור פֿאַר דער צייט פֿון נאָך דער וועלט־מלחמה.

סעגאַלאָוויטש האָט נישט ליב דעם נאַציאָנאַלן קרעכץ, און אין דעם פּרט מעגט איר זיך נישט שטאַרק רעכענען מיט זיינע סענטימענטן, בעת איר שטויסט זיך אָן ביי אים אויף שורות פֿון סקאַרבאָוון נאַציאָנאַלן צער. און פֿונדעסטוועגן וועט איר זעלטן געפֿונען אין דער יידישער ליטעראַטור אַזאַ בולט בילד פֿון דער יידיש־פּוילישער מהפּית־טראַגעדיע, ווי אין דער יאָגעניש פֿון געזונטן, אין זיך שטאָלצן קובאַ נעמזאַר נאָך דעם געפֿאַלענעם פּוילישן שליאַכטיטש קאָסטאַניצקי, אַ יאָגעניש נאָך קוראָפּאַטוועס איבער וועלדער און פֿעלדער מיט דער איינציקער כּוונה, אַז דער דעקאַדענטישער פּוילישער יורד זאָל לייטזעליקן און פֿאַרקויפֿן נעמזאַרן בראַניצקיס וואַלד. סעגאַלאָוויטש טייטלט נישט מיט די פֿינגער: פּונקט אַזוי ווי ער באַשרייבט אייך אַ שניי אין וואַלד, די אַרבעט פֿון אַ גאַטער אויף אַ זעגמיל, די לוויה פֿון אַ וואַלד און די פּסיכאָלאָגיש־ראָמאַנטישע סודות פֿון אַ ווינטעלע, מיט דער אייגענער גראַציעזער שפּילעוודיקייט צייכנט ער אייך אויף זיין לייוונט אַ יידישע טראַגעדיע, וואָס וועט זיך אײַנקריצן אין אייער זכּרון שטילענקערהייט.

קובאַ נעמזאַר איז דער געזונטער טיפּ פֿון יידישן פּיאָנער־אונטערנעמער, וואָס אַרבעט מיט לייב און לעבן, מיטן אמתן ברען פֿון אַ פּראָדוקטיוון שעפֿער, וואָס גלויבט אין זיין נויטיקייט און נוצלעכקייט אויף דער וועלט און זעט באַשיימפּערלעך די אויפֿטועריש פּעולות פֿון זיין אַרבעטס־ענערגיע. אָבער ער לעבט אין אַ תּקופֿה, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען: אין אַ וועלט, וואָס איז אַראָפּ פֿון אירע יסודות,

און קובאַ נעמזאר אַרבעט מיט קרע שבלב, מיט אַ ריס אין האַרצן. עס פעלט אים די תּמימות פון די אַמאָליקע אונטערנעמער, וואָס האָבן באַשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט. רוסלאַנד, דער ספינקס, דאָס רעטעניש רוסלאַנד האָט אויפגעשטעלט אַ פראַגע־צייכן איבער דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן אונטערנעמערטום, און קובאַ נעמזאר האָט מורא „פאַר די פרעמדע הענט", וואָס שאַרן זיך צו זיין פאַרמעגן, צו זיין ווייב, און, דער עיקר, צו זיין איניציאַטיוו, צו זיין ענערגיע, און ער גייט אַוועק וואָס ווייטער פון רוסלאַנד, זוכן אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אַ ברייטערן אַרבעטספעלד, אַ מער זיכערן באָדן פאַר זיין גלויבן אין מענטשלעכער אונטערנעמערישער איניציאַטיוו.

ווי איר זעט, איז „ברידער נעמזאר" אַ גרויס־בירגערלעכער ראָמאַן, דער קינסטלערישער ענטפער סעגאַלאָוויטשעס אויף זיין אייגענעם קרע־שבלב: עס בלאָזן אין אים די ווינטן פון אונזער צייט און עס ווערט אין אים געזונגען אַ ליבע־געזאַנג דער אונטערנעמערישער שעפערישער פּערזענלעכקייט. אַ חטא! — וועלן מן הסתם זאָגן לייט פון איין זייט באַריקאַדע. אָבער שיין געזינדיקט, וואַרעם, שיין געשריבן! וועלן אויף דעם ענטפערן ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור.

III

פּאָעזיע און רעוואָלוציע

אויף סעגאַלאָוויטשן קאָן מען אָנווענדן דעם אַמעריקאַנישן וואָרט „סעלף־מיידמען".—קעגן דער געשוואוירענער ליטעראַרישער קריטיק, קעגן דער מיינונג פון מבינים, וואָס האָבן אומצופרידן געדרייט די נאָז, האָט זיך סעגאַלאָוויטש געשאַפן אַ וועג צום האַרצן פון יידישן לייענער.

און סעגאַלאָוויטשעס הצלחה איז עפּעס אַ מין שכר פונעם לעבן אַליין פאַר זיין באַזינגער. וואָרום אַ שטראָם פון חשק צום לעבן האָט שטענדיק באַגלייט סעגאַלאָוויטשן אין זיינע וואַנדער־וועגן און אין זיין שאַפן. אַפילו זיין אומעט — דער שטילער, לירישער, ראָמאַנטי־שער אומעט — איז מער נישט ווי אַ ביטער געווירץ צו דער סעודה פון לעבן.

אין איינער פון זיינע „קרימער נעכט" זענען די דאַטשניקעס מיטאַ־מאָל אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן אויפגעהערט זינגען, ווייל אַ קראַנ־קער, אַ חולה מסוכן איז געלעגן אין שכנות. נאָר אָט איז ער גע־שטאָרבן, און אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט, מען האָט דערפילט, אַז מען מעג שוין ווידער זינגען. עס איז אפשר אַכזריש, נאָר — זאָל לעבן דאָס לעבן!

ציליע, די שיינע ציליע וואַכט טאָג און נאַכט ביים קראַנקען־בעט פון איר ברודער. נאָר אָט איז ער געשטאָרבן, און אונזער פּאָעט רופט־אויס אויך אין אַ „קרימער נאַכט": „ציליע, יונגע און אומשולדיקע! עס קאָן זיין, צוליב דיין יוגנט, צוליב דיינע בליענדיקע טעג, איז דער טויט אויף אַ רגע דאָ געקומען!" אָט אַזוי דינט דער אומעט און אַפילו דער טויט דעם אמת פון לעבן!

און ס'איז קיין חידוש נישט אויף סעגאַלאָוויטשן, וואָס ער זינגט אַ לויב־געזאַנג דעם לעבן. וואָרום אַ קוואַל פון זיין שאַפן איז דער גאָט פון ליבע, דער „ע ר אָ ס". וואָס איז דער עראָס, אויב נישט דער גרעסטער און שטאַרקסטער יאָ־זאָגער צום לעבן? דער גאָט פון ליבע מאַכט אַ גן־עדן אַפילו פון אונזער קלאָג־און־יאָמער־טאָל. אינספּי־רירט מיטן רוח החול פונעם עראָס, זאָגן מיר צו דער וועלט, אַז זי איז שיין און נישט נאָר פאַר אונז אַליין, נאָר אויך פאַר אונזערע קינדער. נישט אומזיסט האָט די רעליגיע, אָט דער לויבגעזאַנג פאַר יענער וועלט, פאַר עולם הבא, אַזוי געקליגט זיך, איינצוצאַמען דעם

ליבע־געפיל מיט פאַרשידענע מנהגים און אים פאַרוואַנדלען אין אַ רעליגיעזער צערעמאָניע: זי האָט געוואוסט דעם כּח פון דעם ליבע־גאָט, וואָס איז אַ גאָט פון דער וועלט, פון עולם הזה.

ליבע הייסט פריילעך זיין, ליבע הייסט זיך פרוכפּערן, ליבע הייסט שאַפן! „דו פאַרשטייסט — זאָגט דער אינזשיניער ביי סעגאַלאָוויטשן אין אַ „קרימער נאַכט" — זי האָט מיך באַגייסטערט. אַלץ, וואָס איך האָב באַשאַפן פאַר דער צייט: דעם בריק איבער דעם באַיקאַל, דעם בריק איבערן דאָן און די אַלע פאַבריקן און גרויסאַרטיקע שטאָטישע געביידעס, מיין גאַנצע אַרכיטעקטור, וואָס מענטשן דערמאָנען איצט מיט באַגייסטערונג, אַלץ האָב איך דורך איר באַשאַפן".

און וואו ליבע, דאָרטן איז אויך ראָמאַנטיק, דער גייסטיקער לבוש פון דער ליבע. עס איז אפשר נישט גאָר היינטוועלטיק, ווייל ליבע גייט אַרום היינטצוטאָג נאַקעט, נאָר סעגאַלאָוויטש האָט נישט קיין מורא, נישט צו זיין מאָדערן. ביי אים איז מען זיך נאָך מוסר־נפש פאַר ליבע און מען מאַכט פון איר אַ ווען. און פונדעסטוועגן האָט דער ראָמאַנטיקער סעגאַלאָוויטש געפונען צענדליקער טויזנטער לייענער. מן־הסתם איז אין מענטשנס האַרצן פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּפּטרן מיט מאָדערניזם.

נאָר נישט מאָדערן איז סעגאַלאָוויטש אויך מיט אַ צווייטן שטריך פון זיין דיכטערישן פּרצוף, מיט דעם, וואָס ער פירט אַ מלחמה פאַר די רעכט פונם יחיד קעגן דער פאַרגוואַלטיקונג דורכן כּלל, דורכן המון. מיט דעם, וואָס ער הויבט־אַרויף דעם יחיד אויפן כּסא הכּבוד און זינגט זיך זיין „עגאָ־ליד", זיין איך־ליד אין פערזן און אין פּראָזע.

סעגאַלאָוויטש קעמפט קעגן דעם מ אַ ש י נ ע ן־מ ע נ ט ש און וויל באַפרייען דעם מענטשנס נשמה, וואָס ליגט אַ צעדריקטע אָן אָטעם

אונטער בערג פון בעטאָן און אייזן. ער קעמפט קעגן דעם מענטש־אויטאָמאַט און וויל ראַטעווען די פּערזענלעכקייט, ווייל ער ווייסט, אַז זי הערט נישט אויף צו בענקען נאָך אַביסל אמתער פריי־הייט, נאָך אַ טראָפּן אמתער פרייד. ער קעמפט קעגן דעם טעמפּאָ פון אונזער לויפנדיקן דור, קעגן דער קינעמאַטאָגראַפישער איילעניש, קעגן דעם אַמעריקאַנישן „האַרי־אָפּ" און שעמט זיך נישט מודה צו זיין, אַז אים איז נעענטער „די קלוגשאַפט פון אָפּשטעלן און פאַר־טראַכטן זיך".

וועלן דאָך אַוודאי מענטשן מיט אויבנאויפיקע השגות אַ געשריי־טאָן: דאָס איז קאָנטררעוואָלוציע. אין דעראמתן אָבער, אויב מען הערט זיך צו צו סעגאַלאָוויטשעס גרונטשטימונג, קאָן מען זי פאָרמו־לירן ווי אַ רעוואָלוציאָנערישן אינדיווידואַליזם, אָדער ווי די רעוואָלוציע פונם יחיד, וואָס דאַרף אַריינטראָגן איר קאָרעק־טיוו, איר תיקון־טעות אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ס'קאָן גאָרנישט שאַטן, אַז ס'איז פאַראַן עמיצער, וואָס דערמאָנט אונז אין דער איצטיקער צייט אָן די רעכט פונם יחיד. צי שטייען מיר נישט פאַר דער סכנה, אַז דער געשריי פון המון זאָל גאָר אינ־גאַנצן פאַרהילכן דעם קול פונם יחיד, וואָס קאָן דאָך זיין אַ מעלאָ־דישע שטימע ביז גאָר? און צוריק גערעדט, צי איז נישט דער יחיד די איינציקע ממשותדיקע זאַך אויף דער וועלט? די רעכט פונם יחיד זענען אייביקע רעכט, וועלכע מען קאָן אויף אַ ווײַלע פאַרבויגן, צו־ליב פאַרשידענע תכליתים, צוליב פּאָליטישע און סאָציאַלע צוועקן, מען קאָן דעם געדאַנק צייטנווייז איינשפּאַנען אין סדום־בעטל פון צענזור, מען קאָן דעם יחיד־ווילן אַרונטערוואַרפן אונטער דער פויסט פון דיקטאַטור, אָבער סוף־כל־סוף מוזט איר צוריקקומען צו די רעכט פונם יחיד, צו דער פרייהייט פון געדאַנק, צו דער פרייהייט פון וואָרט, צו דער פרייהייט פון אָריגינעלן געפיל און פון שעפערישן ווילן. מען קאָן נישט פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ פאַבריק־פראָ־

דוקט, אין אַ סטאַנדאַרט־סחורה, און דער מאַשין־מענטש קאָן נישט זיין אונזער אידעאַל.

צי איז דאָס קאָנטררעוואָלוציע? צי זענען דעם רעוואָלוציאָנערישן אינדיווידואַליזם פון סעגאַלאָוויטשן פרעמד אַלטרואיסטישע, סאָציאַלע מאָטיוון? געוויס נישט.

פאַראַן ביי סעגאַלאָוויטשן אַ שיין קאַמף־ליד אין פראָזע, וואו ער מונטערט אויף דעם יחיד און הייסט אים מלחמה־האַלטן פאַר זיינע רעכט:

„האָב נישט קיין מורא פאַר דער מחנה און האָב נישט קיין מורא, אַוועקצוגיין פון דער מחנה. פאַראַן רואיקע וועגן, דו קאָנסט דאָרט מיטנעמען דיין גיהנם, דו קאָנסט זיך אַליין אויס־פייניקן און איבערלעבן דעם צער פון דער וועלט פיל העכער און טיפער, ווי די, וואָס שרייען, אַז זיי זענען דאָס די כהנים, פון די, וואָס האָבן געעפנט קרעמלעך און קראָמען פון מענטשן־ליבע און מענטשן־רעטונג.

האָב נישט קיין מורא, כאָטש עס איז נישט דיין צייט. ווי־שיין אַ וואָרט זאָל נישט זיין — עס וועט פון אַלגעמיינעם נוסח פאַרהילכט ווערן. איך ווייס, דו האָסט נישט פיינט, און ליבע צום צווייטן האָט זיך לאַנג געלייטערט אין דיר, נאָר איצט, ווען עס שאַפט זיך מיט אייזן און שווערד אַן אָבליגאַ־טאָרישע מענטשן־ליבע, אַ געזעץ, וואָס ווערט אין קאָדעקס אַריינגעשריבן — ווייסטו דאָך שוין, וואָס אַזאַ געזעץ איז ווערט, מען וועט מוזן דעם געזעץ פאַלגן...

עס וועט זיין געצוואונגענע ליבע... מיט פראָצעסן, מיט אַדוואָ־קאַטן און פּראָקוראָרן, מיט עדות און מיט פאַלשע עדות, ווי־שטענדיק, ווי אייביק...

האָב נישט קיין מורא צו גיין אויף די פרייע וועגן".

נאָר מיט וואָס פאַרענדיקט זיך דאָס דאָזיקע ביטערבייזע קאַמף-ליד פאַר די רעכט פונם יחיד? מיט אַ סאָציאַלן, אַלטרואיסטישן מאָטיוו:

„אָט באַגעגנסטו אַן אַלטע פרוי, זי גייט פון וואַלד, זי טראָגט שפּענער. איר אַלטער רוקן בויגט זיך פון דער שווערער לאַסט. דו ביסט יינגער און שטאַרקער, נעם אַראָפּ דעם זאַק פון אַלטן קאַרק און טראָג אים אַוועק אין איר היים אַריין...

אָט טאַקע, ווייל דו ביסט יונג און שטאַרק וועט דיר דיין יחיד-געפיל אונטערזאָגן, אַז דו דאַרפסט העלפן דער אַלטער פרוי און איר אַראָפּ-נעמען די משא פון די פּלייצעס. צי איז אַזאַ מין אידעאַל, וואו דער אַלטרואיזם שטראָמט פריי אַרויס פונם אינדיווידואַליזם, פונם מענטשנס נאַטור — קאָנטררעוואָלוציע? אויב אַזוי, איז אויך קאָנטררעוואָלוציע דער אידעאַל, אַז אַרבעט זאָל נישט זיין קיין קללה, נישט קיין מוז און נישט קיין צוואַנג, נאָר ווערן אַ נאַטירלעך באַדערפעניש פונם שאַפנדיקן מענטש:

און צי איז נישט ווידעראַמאָל כאַראַקטעריסטיש, אַז דער „קאָנטררע-וואָלוציאָנער" סעגאַלאָוויטש חלומט צייטנווייז, ווי דער דאָזיקער פריי-ער מענטש קאָן גאָר קומען פון פאַבריק, דווקא פון דער טיפער קוילן-שאַכט, ער וועט קומען און באַגריסן די זון, ער וועט אַרומנעמען אַלץ, וואָס לעבט און ליידט, אַלץ, וואָס לעבט און פילט. ער וועט האָבן אַ וואָרט פאַר יעדער פאַרב, פאַר דער פילפאַרביקייט, פאַר מענטש און אַלמענטשלעכקייט?!

צי איז דאָס קאָנטררעוואָלוציע?

אָט האָט מען דאָך אַפילו אין רוסלאַנד, אין לאַנד פון דיקטאַטור, אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר „קוואַליפיקאַציע", און נישט נאָר פון סחורות, נאָר אויך פון מענטשן. נישט נאָר די פּראָדוקציע, נאָר אויך דער פּראָדוצירער דאַרף זיין קוואַליפיצירט, דער ספּעץ ווערט מער

ז. סעגאלאוויטש מיט דעם יובל-קאמיטעט

פון רעכטס צו לינקס: י. פערלע, ז. סעגאלאוויטש, ד"ר י. גאטליב, מ. ראוויטש

געאַכפּערט, און וואָס איז קוואַליפיקאַציע און ספּעציאַליזם, אויב נישט רעכט פונם יחיד ?

נישט היינטוועלטיק, נישט מאָדערן זאָגט איר אויף סעגאַלאָוויטשן ? צי איז מאָדערן יענער, וואָס לעבט מיט דער מינוט, איז פאַרשקלאַפּט ביי דעם היינט, ביי דעם גייסט פון דער צייט, אָדער יענער, וואָס האָט גאַנץ וואויל תופס געווען זיין תקופה, און אויך דעם סם פון זיין תקופה, און האָט דורך אַ שעפערישער אָנשטרענגונג באַשאַפן דעם קעגן-סם ?

סעגאַלאָוויטש האָט מיט זיין עגאָ-ראָמאַנטיק, מיט זיין איך-פּאָעזיע צו-געגרייט אַ קעגן-סם פאַר דעם וואולגאַריזירנדיקן גייסט פון אונזער צייט. שטאָל און אייזן, עלעקטריע און ביכער האָבן אונז אָפּגעשיידט פון דער נאַטור. פירט אונז סעגאַלאָוויטש אַרויס צום ערשטן, בעסטן טייכל און הייסט אונז אָפּוואַרטן אַ זון-אויפגאַנג, דערזען אַביסל ליכט, אַביסל פאַרב פון הימל, הנאה האָבן פון דער גרינער ווייטקייט און זיך קוויקן מיט אַ ליד, וואָס וועבט זיך אין דער נשמה. ראָמאַנטיק וועט איר זאָגן. יאָ, וועלן מיר אייך ענטפערן, אייביקע ראָמאַנטיק !...

איציק מאַנגער

1. סעגאַלאָוויטש דער ליריקער

פּאָרטרעט אין פיר פּאַראַגראַפן

§ 1.

וואָס איז אַ ליד? פון וואַנעט קומט עס, וואָס מען קען עס אַזוי ליב האָבן?— פרעגט די באַרימטע דייטשע דיכטערין מאַרי פאָן עבנער עשנבאַך און ענטפערט זיך אַליין: דערפאַר ווייל אין אַ ליד איז פאַראַן

...Ein wenig Klang,
ein wenig Wohllaut und Gesang
und eine ganze Seele.

סעגאַלאָוויטשעס ליד, דאָס איז אַ כסדרדיקער דיאַלאָג מיטן אייגענעם שאָטן, אַן אויסטענהן זיך, אַ ברוגז-שפּיל און זעלטן, זעלטן אַן אַרומנעמען זיך, אַן איבערבעטן זיך.

און דער שאָטן איז אים געטריי. ער גייט אים נאָך ווי אַ הונט, קוקט אים אין די אויגן אַריין מיט הכנעה און פון צייט צו צייט צעבילט ער זיך אויפן אייגענעם באַלעבאָס.

ווען דער געקרויזטער שאָטן בילט, איז יום-טוב אין סעגאַלאָוויטשעס ליד. דער אָנגעצויגענער טאָן ווערט מילדער, נאָכלעסיקער: ברודערל דו הערסט? ס'איז פאַראַן אַ קול אין מלכות פון מיין אליין זיין. אַבי איך האָב געמיינט. אַז איך בין טאַקע „אייביק איינזאַם".

אין דעם דאָזיקן כּשוף־קרייז איז פאַראַן אַן איינטאָניקייט. אָבער אין דער איינטאָניקייט שפּירט מען בולט דאָס שוואַרצע שטומע אויגן־שפּיל פונעם אומעט. דער הייבישער שמייכל, וועלכן סעגאַלאָוויטש אַנט־לייט פון צייט צו צייט ביים ריטער פון דער לאַכנדיקער טרער — איז נישט בכּח אויסצולעשן די שטילע קאָקעטעריע פון די דאָזיקע אויגן. די זיבן חנען און די זיבן געוויינען באַגלייטן אים ווייטער. זיי היסן זיינע טריט. סעגאַלאָוויטשעס וועגן געפינען זיך אין רשות פון זיין טרויער.

ווערט טאַקע דערפאַר פאַרשטענדלעך דער דעקאָראַטיווער עלעמענט אין סעגאַלאָוויטשעס ליריק. די אָרנאַמענטן אויף די גרויע ווענט פון זיין אַליין זיין:

די שוואַנען, די שלאַנקע, די ווייסע,
זיי שווימען אַלץ נענטער צום ברעג –
אָט פעדערן זיי זיך געלאַסן —
די פעדערלעך פליען אַוועק.

פאַרנאַכט, ווען דאָס וואַסער ווערט וואַרעם
און רויט פון דעם בלוטיקן שיין,
דאַן ווערן די שוואַנען שוין מידער,
זיי דרעמלען... זיי שלאָפן שוין איין.

די שנאָבלען פאַררוקט אין די פליגלען —
ווער וויס זייער טרוים? ווער פאַרשטייט?
זיי כאַפּן זיך אויף אויף אַ רגע
און שווימען פאַרשלאָפענערהייט.

און שפּעט, ווען אַ פויגל אַ ווילדער

דערלאַנגט ערגעץ נאָענט אַ געשריי,
דאַן שלאָפן שוין מער נישט די שוואַנען,
עס פאַלט אָן אַ פּחד אויף זיי.

זיי שווימען אַרום אין דער פינסטער
און קוקן אַרויף און אַראָפּ,
און שלינגען די גאָלדענע שטערן,
וואָס שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ.

„די שוואַנען די שלאַנקע די ווייסע״ זענען אַ קלאַסיש ביישפּיל פון סעגאַלאָוויטשעס אָרנאַמענטיק בעת אין מלכות פון זיין איינזאַמקייט איז רויק. בעת דער ווינט איז אַנטשלאָפן געוואָרן אַ באָרוועסער צווישן די זאַנגען.. ס׳איז שאַ.. שטיל... קיין פּיפּס נישט אַפילו. נאָר די בלייכע ביינערדיקע האַנט פונם דיכטער וויברירט דין און עלעגיש איבער די שוואַרצע טאָוולען, דעקאָרירט די פּוסטע ווענט מיט ווייסע שוואַנען, וואָס שלינגען גאָלדענע שטערן, מיט פישער־מיידלעך מיט פאַרשאַרצטע קליידלעך, וואָס זינגען געהיים, דעם גאַנצן ראָקאָקאָ־רעקוויזיט, וואָס ביי לייב ניידוס איז ער געווען עצם און ביי סעגאַלאָוויטשן איז ער געוואָרן שלאָפליד, כדי איינצושלעפערן דעם טרויער זיינעם.

§ 2.

די בלייכע ביינערדיקע האַנט פון דעם דיכטער דעקאָרירט, אָרנאַמענטירט, כדי צו פאַרשפּילן און איינצושטילן דאָס געוויין און דעם פּחד, וואָס לויערן אויף אים..

אויפן הימל פינטלט אַ קראָ. די זאַנגען אין פעלד ווערן נערוועז. פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום דאָס מלכות פון דער איינזאַמקייט פלאַטערט אַראָפּ מיט צעפּאַטלטע האָר די נאַכט, אירע זיבן שוואַרצע שלייערן פלאַטערן און פאַרהילן אַלצדינג.. אירע היסטערישע פינגער

לעשן אָפּ, מעקן אויס די שטילע עלעגישע אָרנאַמענטיק, געצייכנט אויף די שוואַרצע טאָוולען. די גאַנצע אידיליש־עלעגישע לאַנד־שאַפט ווערט פּאַטעטיש. דאָס דעקאָראַטיווע ווערט בטול בשישים, לעזט זיך אויף, ווערט מגלגול. דאָס וויזיאָנערע באַקומט לשון. די לאַנד־שאַפט ווערט אָנגעלאָדן מיט רמז און אַנונג. די אויערן הערן שאַר־פער, די אויגן זעען טיפער, ס'שמעקט מיט חשבון הנפש.. מיט סך הכל, מיט געוואָרגענע ווידוי און צעריסענע ברוגז מיט פיבערנדיקע הענט, וואָס דרייען פאַר זיך אַליין אַ שטריק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט היינט דער ווינט
געיאָמערט און געקלאָגט,
און דורך דער נאַכט האָט ווער געזיפצט
און תהילים שטיל געזאָגט.

איך האָב געלייענט אַלטע בריוו,
געלייענט און פאַרברענט;
איך האָב מיט שרעק געזוכט אַ שטראַל
אויף מיינע פוסטע ווענט.

אומזיסט.. אַ שטיקל שפּיגל־גלאָז
האָט קאַלט פון מיר געלאַכט,
און שטום איז מיין געדאַנק געווען
פון איינזאַמקייט און נאַכט.

דאָס קאַלטע געלעכטער פונם שטיקל שפּיגל־גלאָז איז געשטייגערטער אומרו, אָנגעצויגענער פינאַל.. דאָס פרעמדע תהילים־זאָגן אויף יענער זייט וואַנט און דאָס שטיקל שפּיגל־גלאָז אין דעם דיכטערס האַנט ווען פאַרשטומען, און אויפגיין וועלן די געלע שטיקנדיקע גאַזן פון טויט־

אידיליע, פונעם געפגרטן פערד, וואָס ליגט צווישן קברים. און די קראָ, דער וויזיאָנערער לעצטער סוד, וועט אַ קראַקע טאָן איבער דער לאַנדשאַפט.

מצבות און קברים אין ווייסן פאַרצויגן —
קראַ!
אַ פערד ליגט אַ פגר אין פעלד אויסגעצויגן —
קראַ!
הינט רייסן שטיקער פון פערד און אַנטלויפן —
קראַ!
שפרינגט צו אַ קראָ פון דערווייטנס אַ שוואַרצע —
קראַ!

דער דיכטער פאַרויכערט די ליולקע. ס׳איז אים נישט היימלעך אין מלכות פון זיין איינזאַמקייט. רויך פון אַ ליולקע איז אַ גוטע סגולה צו פאַרטרייבן דעם פחד. סעגאַלאָוויטש גייט נישט נאָך זיינע לירישע שטייגערונגען ביז צום סוף: ער שפרינגט אַרויס פון זיינע שטימונגען אַ יף דער מיט פון וועג. ער שלעפערט איין זיינע זעונגען און לאָזט זיי איבער שלאָפנדיקע אויף דער סאַמע מיט פון קאַיזערשטראַז. און ווי אַן אַרעסטאַנט, וועמען ס׳איז געלונגען איינצושלעפערן זיינע וועכטער, באַהאַלט ער זיך אונטער אַ קוסט, מאַכט צום פרילינג „קוק״, בעת זיין נשמה איז נאָך ביי די שוואַרצע יאַניטשאַרן אין די הענט. איצט שלאָפן זיי פאַרטשאַדעטע אויף דער סאַמע מיט פון קאַיזערשטראָז, אָבער אַז זיי וועלן זיך אויפכאַפן?

דערפון נעמט זיך דאָס פראַגמענטאַרישע פון זיין ליד. דאָס צוגעאיילטע, איבערגעריסענע; מער לירישע רמזים איידער פאַרענדיקטקייט. סעגאַלאָוויטש איז דער ערשטער אָנזאָגער פון יענעם ליריש-נערוועזן טאָן, וואָס די שפעטערדיקע מאָדערנע האָבן אים אויפגעכאַפט און

פאַרענדיקט. דוד איינהאָרנס קינדיש־ראָמאַנטישער פּליסטער וועגן דער בלייכער בת מלכּה איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער יידישער קריטיק. סעגאַלאָוויטשעס נערוועזן ליריזם האָט מען פאַרשוויגן.

§ 3.

סעגאַלאָוויטשעס נערוועזיטעט האָט פּלוסן און מינוסן. אין אירע שטייגערונגען ווערט זי וויזיאָנעריש, אין אירע מיטל־ליניעס און אַראָפּפאַלן דורכאויס בלינד, גאָרנישט זעעוודיק.

זיינע נאַטור־שילדערונגען זענען ס׳רוב איינטאָניק, דער מאָלערישער רעקוויזיט — אָרעם.

וואַלד און פייגל, קוואַל און לאָנקע,
ערד און הימל זינגט פון מאַי...

אָדער :

גיב אַ קוק אין וואַסער, ווי עס שפּיגלט אָפּ,
אַלע בוימער שטייען מיט די קעפּ אַראָפּ.

די ברענענדיקע פאַרבן פון רויזן זעט ער נישט מאָלעריש נאָר אַנעק־דאָטיש. די אָנווענדונג פון אַנעקדאָטישן האָט ער געלערנט ביי היינען. היינעס גרויסקייט באַשטייט אָבער אין דער אייגנאַרטיקער מישונג פון אנעקדאָטישן מיט דעם וויזיאָנערן. פון קאַפּריז מיט וווּנד, חנדל און לויה־כאָר.

די דאָזיקע געניאַלע מישונג האָט זיך אַנטפּלעקט איינמאָליק אין היינען. זי לאָזט זיך נאָכאַהמען אָבער נישט ווידערהאָלן. בלייבט איבער דאָס אנעקדאָטיש־דעסקריפּטיווע, דאָס לירישע עפּיזאָדל אָן די וויזיאָנערע פליגלען, ווי אין דעם דערמאָנטן ליד „רויזן" פון סעגאַלאָוויטשן, למשל:

ביים קשאָנדז אין גאָרטן בליען רויזן,
דער קשאָנדז אַליין איז אַלט און שוואַך;
ער האָט דערפאַר אַ הונט אַ בייזן,
דער הונט איז שטענדיק אויף דער וואַך.

און ווילן קינדער רייסן רויטע רויזן,
און שפרינגען דורכן פלויט —
רייצט אָן דער קשאָנדז דעם הונט דעם בייזן
און שטייט און שמייכלט שטילערהייט.

און פאַרקערט, ווערט דער פייזאַזש אין סעגאַלאָוויטשעס געשטייגערטע מינוטן וויזיאָנער, פאַרלירט ער דערפאַר דאָס אַנעקדאָטישע חן־גריבל, ווי אין זיין ליד „זונפאַרגאַנג" למשל:

דאָרטן ווייט אויפן פעלד, ביים ברעג האָריזאָנט,
ווו דער הימל דערגרייכט די ערד אַזוי נאָנט,
לעשט זיך לאַנגזאַם די זון, שטאַרבט אין פלאַמען און ברענט,
און עמעצער הויבט צו די פלאַמען די הענט.
צי עס שרעקט אים די נאַכט וואָס קומט אָן, ליבער גאָט!
צי דער טאָג וואָס פאַרגייט איז אים איצטער אַ שאָד?
נאָר עס העלפט קיין געבעט, עס ווערט נאַכט אומעטום
און עמעצער וואַנדערט אין חושך אַרום...

אין די דאָזיקע ליריש וויזיאָנערע שטייגערונגען דאַרף מען זוכן דאָס בעסטע פון סעגאַלאָוויטשעס ליריק. זיי טרינקען נישט אויס די וויזיאָנערע עמאָציעס ביז צום דנאָ ווי אַ פּאָ צום ביישפּיל: זיי זענען וויזיאָנערע בליישטיפט־צייכנונגען אויפן פאָן פון אַ דורכאויסיק־אומרואיקן געמיט. דער ווערט פאַר זיך גופא פון די דאָזיקע וויזיאָנערע רמזים

און דער ליטעראַטור-געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו פּאַרטאָפּלען די באַ-דייטונג פון סעגאַלאָוויטשעס בעסטע לירישע דערגרייכונגען.

אין אַ טייל פון זיינע פּאָעמעס, דער עיקר אין זיין פּרעכטיקער פּאָ-עמע „רעגינע״, באַקומט דאָס לירישע-דערציילערישע אַ תּיקון. די גוטע גייסטער פון זיינע בעסערע לירישע לידער האָבן דאָ אָנגעשטרענגט די מוסקולן און דערגרייכט דאָס מאַקסימאַלע.

§ 4.

אַפּראָפּאָ דעם פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער פון סעגאַלאָוויטשעס ליד. ס'איז דער פלאַטער-פלי פון אַ שמעטערלינג, וואָס איילט פון בלום צו בלום. קיין איינציקן בעכער דופט און סם טרינקט ער נישט אויס ביז צום סוף נאָר אָנרירן רירט ער אַלע אָן. ס'איז די פּאָעזיע פוגעם אייליקן באַריר. אַמאָל נעמט זי מיט, די דאָזיקע פּאָעזיע אַ טראָפּן זון, אַמאָל אַ טראָפּן שטויב און אַמאָל גאָרנישט נישט. אין די ראַמען פון איין פרילינג-טאָג שפּילט זיך אָפּ דער לייכטער ריטם און דער גורל. פאַר דעם פראָמעטעיִשן איז נישטאָ קיין צייט און קיין כּח. אין דער מעת-לעת-פּערספּעקטיוו — לייען לעבן, טויט און לעגענדע פון אַזאַ זומערפייגעלע.

די דאָזיקע ליריק איז אַ שפּיל מיט די פּערלמוטער-קנעפּלעך פון אַ מיידלישער בלוזקע און נישט דער עראָטישער פלאַקער-שפּיל מיט די ציצן פון אַ רייפער פרוי.

סעגאַלאָוויטשעס ליריק איז די פּאָעזיע פון אָפּרו, בעת אין דער מידער האַנט פלאַטערט דאָס פּאַרפומירטע באַטיסטל פון דער אַכצנ-יאָריקער גימנאַזיסטקע, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן נעבן פּאָרטאָפּיאַנ-נאַכטיגאַלן-געזאַנג מיטן ריח פון ראָזשינקעס און מאַנדלען.

דאָס איז סך הכל איינדרוק, נישט פאַרגעסנדיק דערביי די פּאָע-

טישע אויפטאַקטן. די וויזיאָנערע אויפבליצן פון צייט צו צייט, די נערוועזע שטייגערונגען, אין וועלכע סעגאַלאָוויטש האָט אַנטפּלעקט דאָס בעסטע פון זיין ליריק.

דאָס דאָזיקע מיט בליישטיפט געצייכנטע פּאָרטרעט פונעם ליריקער סעגאַלאָוויטש ביי דער געלעגנהייט פון זיין דרייסיק־יאָריקן ליטעראַ־רישן יובל האָט נישט די פּרעטענזיע פון אַן אַלץ אַרומנעמענדיקער אָפּשאַצונג.

ס'איז גיכער אַ פּרווו צו סקיצירן די געשטאַלט פון דעם דיכטער סעגאַלאָוויטש אויף די טאָוולען פון אונזער ליטעראַרישן פּאַנטעאָן. אַ געלעגנהייטס־גרוס צו אַ דיכטער, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע אָנהויב פונעם מאָדערנעם יידישן ליד. אַ סאַלוט דעם איינזאַם־טרויעריקן שמעטערלינג פון אונזער ליריק.

דר׳ י. גאָטליב

נ א ט ו ר - ת א ו ה

אַ שטריך אין סעגאַלאָוויטשעס ליטעראַרישער שאַפונג

ווער איז אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור נאָך אַזוי פאַרבענקט נאָך דער נאַטור, ווי ז. סעגאַלאָוויטש? אין זיין אומאויפהערליכן דורשט נאָך זון און גרינס, נאָך ווינט און שניי איז פאַראַן עפּעס ריירנ־דיקס, כמעט טראַגישעס.

דען סעגאַלאָוויטש איז נישט דער בלאַזירטער מידער אייראָפּעער, וואָס שפּייט קלעק אויף דער קולטור פון דער שטאָט. ער מאַכט אויך נישט דעם אָנשטעל פון די עסטעטן, וואָס זוכן די מאָלערישקייט פון באַרג און טאָל. סעגאַלאָוויטש נעמט אויף די נאַטור פיזיש, תאווהדיק.

> איך בייס די שנעעבעלעך פונעם בלימל,
> איך אָטעם טיף זיין ריח איין.
>
> (רעגינע)

און ווייל זיין גאַנצע ליטעראַרישע שאַפונג איז אַ ווידערהאַלונג פון זיינע אייגענע פערזענלעכע איבערלעבענישן, איז נישט פאַרלוירן גע־גאַנגען קיין איינציקע עמפּפינדונג זיינע. יעדע באַוועגונג פונם בליענ־דיקן און אָפּפאַלנדיקן בלעטל, יעדער ריר פונעם ווינט און יעדער טראָפּן פונעם רעגן, דער מינדעסטער ציטער פונעם צאַרטסטן בלימל,

דער קוועקזילבערדיקער שפרונג פונם שטראַל אין שאָטן פון בוים, דאָס שפּיל פון די פאַרבן אויפן פעלד אין זומער און די ווייסקייט פונעם שניי אין ווינטער — דאָס אַלץ ווערט ביי סעגאַלאָוויטשן אַזוי איבערגע-דיכטעט, אַזוי אויסגעזוונגען, ווי ער האָט עס אַליין געגאָסן.

און ס'איז נישט קיין נפקא-מינא, וואָס סעגאַלאָוויטש שילדערט, אָדער דערציילט: צי דאָס איז קאַזמיעזש, צי דאָס זענען די איבערלעבענישן פון די „קרימער נעכט", צי די ברייט פונאַנדערגעלייגטע ראָמאַנען — אומעטום איז די נאַטור דער גרונט-פּאָן. אויך זיינע ליבע-עמאָציעס זענען האַלב אויף האַלב געמישט מיטן געניוס פון דער נאַטור. עס קומט אויס, אַז סעגאַלאָוויטש וואָלט די פרויען נישט באַמערקט, ווען זיי וואָלטן נישט אַרומגעפלאַטערט אין דער פרייער לופט צווישן בלומען און זומער-פויגעלעך, אַז ער וואָלט זייערע שטימען נישט געהערט, ווען זיי וואָלטן נישט געקלונגען אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון דעם גערויש פון וואַלד, און אַז ער וואָלט נישט געטוליעט זיך צו זיי, ווען דער אַראָמאַט פון די בלומען וואָלט אים נישט פאַרשיכורט.

דען די גאַנצע לעבעדיקע וועלט איז אין סעגאַלאָוויטשעס עמפּפינדונג בלויז אַ טייל פון דער לאַנדשאַפט. ווי ביי די מאַלער, וואָס דער פּייזאַזש איז זייער סטיכיע, ווערן אויך ביי אים די מענטשלעכע גע-שטאַלטן צונויפגעגאָסן מיטן פעלד און מיטן וואַלד. נישטאָ פאַר סעגאַ-לאָוויטשן קיין פאַונאַ. אַלץ איז פלאָרא. און דעריבער דאַרף מען נישט זוכן אין סעגאַלאָוויטשעס שאַפונגען קיין דערשיטערנדיקע דראַמאַטישע אַקציע אָדער די טראַגיק פון דער מענטשלעכער נשמה-צאַפּלעניש. די מענטשן? נו יאָ, זיי בליען און וועלקן און וועלקן און בליען. זיי זענען נישט דעמאָניש בייז און נישט מלאכימדיק גוט. זיי זענען נישט איבער-גליקלעך און נישט טיף אומגליקלעך. זיי באָדן זיך אין ליכט און וואַ-רעמקייט, ווען די זון איז צו זיי גנעדיק, און זיי בלאָנדזשען אַרום ווי שאָטנס אויף דער ווייסקייט פונם שניי, ווען די זון איז קאַרג און

שפּאָרזאַם. און זענען די מענטשן שיין — זענען זיי אַזוי סאַמעטיק און דופטיק, ווי די בלומען. און זענען זיי מיאוס — זענען זיי שטעכיק ווי דערנער. דען סעגאַלאָוויטש אַנטראָפּאָמאָרפיזירט נישט די נאַטור, ווי עס האָבען זיינע פאָרגייער זיך נוהג געווען. ער טראָגט אַריבער די ענטאָ מאָלאָגישע געשטאַלטן אויף די מענטשן און זייער שיקזאַל. און ער אַנטציקט זיך מיט די בלומיקע מענטשן און רוקט זיך אָפּ פאָרזיכטיק פון די דאָרניקע. און ער פאַלט נישט אַריין אין קיין התפעלות פון מענטשן און ברעכט נישט אויס אין קיין גרימצאָרן. ס'איז דאָך אַלץ נאַטור. און סעגאַלאָוויטש איז אַ נאַטור-געניסער. וואָס עס שמעקט אים — נעמט ער אויף, „בייסט ער איין" מיט פרייד. און וואָס עס שמעקט אים נישט — לאָזט ער אין אַ זייט און גייט פאַרביי אַן אומעטיקער, אַן איינזאַמער...

יאָ, סעגאַלאָוויטשעס דרייסיקיעריק לעבנס-ווערק איז אַ רעפּראָדוקציע פון זיינע אייגענע פּערזענלעכע שטימונגען. אָט אַזוי האָט ער געפילט דאָס לעבן און אָט אַזוי האָט ער עס איבערגעדיכטעט. ער האָט קיינ-מאָל זיך נישט געבאָרגט קיין פרעמדע ברילן און ער האָט קיינמאָל נישט גענומען אויף פּראַקטיש קיין עמפּינדונגען. מען טייטשט עס אויס פאַר עגאָצענטריזם? אָבער סעגאַלאָוויטש האָט עס קיינמאָל נישט באַ-האַלטן. ער איז שטענדיק געווען ערלעך צו זיך און צום לעזער. אפשר זענען דאָ צווישן די לעזער אַזעלכע נאַטורן (אויך עגאָצענטרישע), וואָס פאָדערן פונעם קינסטלער, אַז ער זאָל זיך מיט ז י י באַשעפטיקן און זאָל זיך אַליין ערגעץ ווו פ אַ ר וו אַ ר פ ן. אָבער סעגאַלאָוויטש איז געווען גענוג מוטיק צו זאָגן צו די לעזער: ווילט איר מיך אויסלייענען ביזן גרונד — מוזט איר אַליין זיין אַדורכגענומען פון מיין שטימונג. און אויב איר זענט דערצו נישט דיספּאָנירט — וועל איך אייך מיט געוואַלד אַריינ-ציען. און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס געלונגט סעגאַלאָוויטשן זייער אָפט. דערצו איז ער גענוג דיכטער און קינסטלער.

און אפשר טאַקע דעריבער גילט סעגאַלאָוויטש אַלס נישט סאָציאַלער

שריפטשטעלער. אין זיינע יונגע יאָרן איז סעגאַלאָוויטש מיטגעריסן געוואָרן פונם שטראָם פון סאָציאַלע באַוועגונגען, אָבער זינט עס האָט דערוואַכט אין אים זיין ליטעראַריש באַוווסטזיין – האָט ער אויפגעהערט זעען די מענטשן און אָנגעהויבן זעען דעם מענטש.

פאַליעס מענטשן, פאַליעס מענטשן,
ווי זיי ווימלען דאָ כסדר.
ביז דיין פענסטער, בין איך זיכער,
וועלן זיי זיך נישט דערהויבן.
— — — — — — — —
נאָר מיין טורעמל באַם פענסטער
ווילט זיך מיר נישט צו פאַרלאָזן:
אונטן בין איך שוין געוועזן,
שוין געוועזן... (ביים פענסטער)

סעגאַלאָוויטש פילט זיך איזאָלירט, פאַראייזאַמט פונם גרויסן מענטשלעכן געזעמל. דען אַלץ וואָס איז היינט „סאָציאַל", איז קינסטלעך אויפגעבויט, צוזאַמענגעשלעפט מיט גוואַלד, ווי די שטיינער, מיט וועלכע עס ווערן די שטאָטישע גאַסן געפלאַסטערט, ווי די ציגל, פון וועלכע עס ווערן די בנינים געבויט. די בוימער אין וואַלד זענען נישט סאָציאַל. סאָציאַל זענען די קלעצער, וואָס מען האָט פון זיי זייערע וואָרצלען אָפּגעזעגט, אין טאַרטאַק אַרומגעהעבלט און אין גרויסע האָלץ-לאַגערן צוזאַמענ-געלייגט.

און עס זוכט סעגאַלאָוויטש די מענטשן, וואָס וואַקסן „ווילד", „אַנאַר-כיסטיש" און דעריבער אויך „אייביק איינזאַם". דאָס זענען זיינע לעבנס-באַגלייטער, דאָס איז ער אַליין. און ער מיידט אויס דעם יאַריד, ווו עס טומלט זיך דער „כלל". וועגען די איבערלעבענישן פונם „כלל" וועלן שרייבן היסטאָריקער, און זיי וועלן אונטעררוקן דעם „כלל" אַזעלכע שטימונגען און אַזעלכע עמאָציעס, פון וועלכע דער כלל האָט

גאָר קיין אָנונג נישט געהאַט. און ער, סעגאַלאָוויטש, איז דאָך בלויז אַ דיכטער, אַ דיכטער, וואָס דערציילט פון זיך אַליין און פון יענע ווייניקע, וואָס ער דערקענט אין זיי זיך זעלבסט — ווי עס דערציילן אַלע, וואָס זענען עגאָצענטריש און האָבן דעם מוט זיך דערמיט נישט אויסצובאַהאַלטן...

מלך ראַוויטש

דער אייביק איינזאַמער מיטן אייביקן סענטימענט

אַ פּרוּוו פון אַ כאַראַקטעריסטיק

פונקט ווי יעדער שרייבער, האָט אויך דער רעקאָרד-פּאָפּולערער ז. סעגאַלאָוויטש גוטע ווערק און שלעכטע אין זיין לעבן אָנגע-שריבן. אַמאָל טרעפסטו ביי אים אַ סעריע גוטע לידער און באַלד דע-רויף אַ סעריע נישט פון די בעסטע נאָוועלן און ווידעראַמאָל פאַרקערט אַ סעריע ליבע, טרויעריק־סענטימענטאַלע און מוזיקאַלישע נאָוועלן און אַ סעריע לידער, וואָס לאָזן נישט איבער קיין שום איינדרוק. אַזוי איז דאָך שוין די טבע פון דער וועלט, אַזוי איז — דער עיקר — די טבע פון די פּראָדוקטיווע שרייבער, פון די סאַמע גרעסטע ביז די לעצטע און סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע און געלעזנסטע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור. איך קען עס מיר אָפּט נישט דערקלערן, פאַרוואָס געדענקט אונזער שרייבער-חבריה סעגאַלאָוויטשן דעם ערגערן טייל פון זיינע לידער, נאָוועלן און ראָמאַנען. אפשר נעמט זיך עס פון דער לעזער־קנאַפּקייט אין אונזער ליטעראַטור; פילט זיך יעדער געקריוודעט פון דעם צווייטנס מזל און סעגאַלאָוויטש האָט דאָס גרעסטע שטיק מזל צווישן די לעזער פון דער יידישער ליטעראַ־טור. האָט ער טאַקע אַ סך קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. קוים זיך אָפּגעווערט קעגן איין חברישן אָנפאַל, מוז מען זיך שוין פאַרטיי־

דיקן פאַר אַ צווייטן. און סעגאַלאָוויטש ווערט זיך אויף אַ גאַנץ איי־גנאַרטיקן שטייגער, ער לאָזט אויס זיין כעס אַנאָנים אין זיינע לידער. פלוצלונג דערשיינט אַ סעריע מיניאַטורן, אָדער לידער אָן דעם גע־ווינטן ביסל ליכט און פאַרביקייט און קלאַנגיקייט — נאָר גרוי אין גרוי, פאַרצווייפלונג געקנופּט מיט פאַרצווייפלונג... מיין ווייניקייט האָט קיינמאָל נישט מיטגעמאַכט אָט די דאָזיקע אַנטיסעגאַלאָוויטש־קאָמפּאַניע און דעריבער וועט בלייבן פאַר מיר אָן אייביקער סוד די גאַנצע סע־גאַלאָוויטש-געגנערשאַפט. נור דער לעזער און די לעזערין (סעגאַלאָוויטש האָט אפשר דריי מאָל אַזוי פיל לעזערינס ווי לעזער — און פאַר דעם קומט אים ממש אַ פּרעמיע מצד דער יידישער ליטעראַטור, דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער פאַרדינסט, וואָס דאַרף אַקצענטירט ווערן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער שרייבער, וועמעס גרונט־שטריך עס איז דער סענטימענט, זאָל האָבן מער לעזערינס ווי לעזער) שטייען געטריי פאַר סעגאַלאָוויטשן — שטאָל און אייזן יעדע עפנטלעכע פאָרלע־זונג זיינע איז געפּאַקט, יעדע דערשיינונג פון אַ ניי־בוך — אַ געשעע־ניש צווישן די לעזער. אין די ביבליאָטעקן — און דאָס איז שוין אַן אַקסיאָמע כמעט — שטייט ער שטענדיק אויף דעם דריטן פּלאַן פון די מייסטגעלעזענע שרייבער. אויף דעם ערשטן אָרט גייט אַש — פּרץ, אָדער פּרץ — אַש און ווייטער גייט סעגאַלאָוויטש. יש אומרים, אַז עס איז נאָך גינסטיקער פאַר סעגאַלאָוויטשן אָפּט, נור צוליב פאַראַד שטעלט מען פּרץ און אַש פריער. סעגאַלאָוויטש פּרעטענדירט נישט אויף אַ פּרץ־אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, ער איז גענוג באַשיידן און גלייכצייטיק גענוג שטאָלץ צו זיין צופרידן מיט דעם אָרט, וואָס די נאַטור פון זיין סובטילן טאַלענט האָט אים אָנגעוויזן צווישן די גוטע שרייבער פון אונזער לשון.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז אויף דעם שמאָלן שטעג צווישן סעגאַלאָוויטשעס און זיין לעזערס און לעזערינס הערצער קען מען

דערגיין דעם סוד פון זיין דערפאָלג און דעם סוד, וואָס ער איז אָפט דאָס צילברעט פון אַטאַקעס.

איינמאָל פריער, נישט דרייסט אַוועקגעשטעלט דאָס וואָרט „סענ־טימענט", לאָמיך דאָ מיט מער דרייסטקייט איבערחזרן:
סענטימענט!

און אויף דעם אָרט וועלן אַלע — אַלע קומענדיקע לעזער פון אַט די ווערטער, אָנהויבנדיק פון סעגאַלאָוויטשן, דעם בעל־יובל אַליין, ביז צום לעצטן און צופעליקן לעזער, אַ ברום טון: שוין ווידער! באַ־נאַלע, אַלטע, אויסגעדראָשענע ווערטער וועגן סעגאַלאָוויטשן. ער האָט שוין נישט געפונען עפּעס אָריגינעלערעס.

אַלט און אויסגעדראָשן איז טאַקע דער אמת, נור מען מוז קענען שטענדיק געפינען אין אים נייעם גלאַנץ, ווייל אייביק איז דאָ אין יעדן אמת נייער גלאַנץ.

סעגאַלאָוויטש איז דער סענטימענטאַלסטער פון אַלע סענטימענטאַלע פּאָ־עטן און פּראָזאַטאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור. נו איז וואָס? וואָס איז דען סענטימענט? ער איז דער טוי פון די ביימער, דאָס ווייסע שפּינוועבס פון האַרבסט, אַ טאַנצנדיקער פלעק נאָכמיטאָגזון אין אַ דאָרף־שטוב, ווען דאָס יינגוואַרג איז אין וואַלד אַוועק. אַ ציטערנדיקער לבנה־ליכט־פלאַם אין אַ שטוב פון אַ שלאָפלאָזן, די שטילע טרער אין אַ מענטשלעך אויג... סענטימענט איז דאָס דאָמינירנדיקע געפיל פון אַלע מענטשן, איידער די גרויסע לעבנס־געפילן קומען אָן. סענטימענט איז דאָס גרונטגעפיל פון אַלע דערוואַקסענע מענטשן, ווען די גרויסע גרונטגעפילן האָבן זיך אויסגעשטורעמט... סענטימענט איז דער אָנהויב און דער סוף פון מענטשלעך פילן און דערצווישן איז דאָס געפּילפּלאָזע, קאָמפּפולע און גרויזאַמע לעבן. סענטימענט איז נישט קיין וועלט־אַנ־שויונג, עס שטייט איבער דעם. סענטימענט קומט, ווען עס זענען נאָך נישטאָ קיין ווערטער, קיין ריכטיקע און — ווען עס זענען שוין קיין

ריכטיקע ווערטער נישטאָ. סענטימענט לעבט אין אונז אַלע, אַלע, אַלע.

און איצט... נאָכאַמאָל: סעגאַלאָוויטש איז דער סענטימענטאַלסטער א. א. וו.

אמת איז, אַז דער סענטימענט איז, לויט דעם אויבנגעזאָגטן, דער לייכסטער וועג צום לעזערס האַרץ. דער וועג פון לייכטסטן ווי־דערשטאַנד. אַ וועג אָן צוימען און אָן טירן, אָן מויערן, אָן היטער. שלעכט וואָלט עס געווען, ווען אַ שרייבער וואָלט דעם וועג ספּעציעל געזוכט, הגם ער איז נישט זיינער. ביי סעגאַלאָוויטשן איז דאָס אָבער נישט דער פאַל, זיין טאַלענט און זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן האָבן אים אויף אַ נאַטירלעכן אופן געשטעלט אויף אָט דעם וועג. מען וואַרפט אים פאָר, אַז ער שרייבט אָן אָנשטרענגונג. ריכטיק. נאָר סע־גאַלאָוויטשעס ווערק, דאָס איז דאָך איינאיינציקע, טויזנטמאָל וואַרירטע פון טיפן האַרצן אַראָפּגערעדטע, בין השמשותדיקע ליבע־דערציילונג, אָפּט מיט אַ זיפץ באַגלייט, אָפּט מיט אַ טרער באַפּייכט. און אַז מען, רעדט זיך פון האַרצן אַראָפּ, פון האַרצן אַראָפּ — איז דאָן שוין אין אָט דעם פאָלקס־וואָרט אַנטהאַלטן די לייכטקייט פון שאַפן, דאָס זיך לייכטער מאַכן, אַראָפּוואַרפן אַ שטיין פון האַרץ. סעגאַלאָוויטש איז אין תוך אַ פּאָעט, אַפילו אין די דערציילערישסטע ראָמאַנען זיינע.

גערן רעדט מען זיך אַראָפּ פון האַרץ און גערן הערט מען, אין תוך, ווי יענער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ. דעריבער שרייבט סעגאַלאָוויטש אַזוי גערן און דעריבער ווערט ער אַזוי גערן געלעזן.

אונזער סעגאַלאָוויטש איז וויניק בילדעריש. ניטשעוואָ ניע פּאָדיעלאַ־יעש — דאָ וועט גאָרנישט העלפן. וואָלט איך געוואָלט אויסציען די ראַמען פון דער כאַראַקטעריסטיק, וואָלט איך געקאָנט אָט אָ דאָ אויף דעם אָרט אָנשיטן אַ באַרג מיט ציטאַטן, באַווייזן. איך וואָג צו זיין

נאָך גרויזאַמער, איך וועל זאָגן, אַז בילד איז פאַרבאַדינג פון יעדער מין דיכטונג, סיי פון ליד און סיי פון פּראָזע. בילד איז דער צעמענט פון דער שרייבערישער בוי־אַרבעט. אָן דעם צעמענט צעפליען זיך די ציגל פון געדאַנקען און פאַבולע.

און דאָך, ווען דו האָסט איבערגעלעזן סעגאַלאָוויטשעס אַ נאָוועלע, אָדער אַ סעריע לידער, בלייבט איבער דער איינדרוק פון בילד אין דיין אויג. דו קאָנטראָלירסט דיך אַליין: וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען? קיין בילדער זענען דאָך נישט געוועזן — איז פאַרוואָסזשע פיל איך בילדער? פאַרוואָס זע איך פאַרבן און פאַרוואָס הער איך קלאַנגען און פאַרוואָס איז געבליבן אַ צייכענונג אין מיין זכרון? פאַרוואָס זע איך פערזאָנען און פאַרוואָס האָב איך ערשט געזען לאַנדשאַפטן? אָט איז אין אַ געוויסן זינען איין סוד מער פון סעגאַלאָוויטשעס שרייבער־קונסט, ער איז אַן אימפּרעסיאָניסט. פאַרבן אָן שאַרפע קאָנטורן. ער איז פאַרביק, הגם נישט געניג בולט בילדעריש. און דאָס איז אַ סך, וואָרום דער עיקר איז דאָ, עס איז דאָ העלקייט פון זון, שוואַרצקייט פון נאַכט, גרויקייט פון הערבסט און גרינקייט פון פרילינג. פאַרבן אויף דעם אָרט פון בילדער און זיי פאַרטרעטן זייער אָרט אויף אַ געהעריקן אופן.

ווער זענען סעגאַלאָוויטשעס העלדן?

קודם כל ער אַליין און דערנאָך זיין קעגנער, זיין אייביקער און אָפט אַפילו אומזיכטבאַרער קעגנער. און זאָל אייך נישט אַרן, וואָס דער דאָזיקער קעגנער האָט אַלעמאָל אַנדערע נעמען און נעמט אַלעמאָל אָן אַנדערע געשטאַלטן, איז אַלעמאָל פון אַנדערן עלטער. דאָס איז שטענדיק איין און דערזעלבער שונא, וואָס וויל דעם סענטימענטאַלן דיכטער נישט פאַרשטיין. אַמאָל איז עס די פערזאָניפיצירטע אומפּאַטעטישע וועלט, אַמאָל די, אייביק דעם דיכטער נישט פאַרשטייענדיקע פרוי. אַזוי איז דאָך שוין דאָס מזל פון די אין תוך געגומען אייביק איינזאַמע. זיי קע־

נען קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען ווערן. וואָלטן זיי עס געקענט, וואָלטן זיי דאָך לכתחילה נישט געוועזן די אייריק איינזאַמע. וואָס ווילן זיי? זיי ווילן אַלץ און זיי ווילן גאָרנישט. אָט דאָס נישט וועלן גאָרנישט מאַכט זיי אָפט נאָך שווערער, נור אַז זיי ווילן שוין, ווילן זיי דאָך, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי די גאַנצע וועלט פון גרונט אויס איבערצאַנדערשן. און דאָס קען מען זיי דאָך אויך נישט אַזוי לייכט נאָכגעבן. בלייבט זיי איבער טאַקע נישט עפּעס אַנדערש, ווי צו זיין דיכטער און צו שרייבן, צו שרייבן, צו שרייבן... דאָס גאַנצע האַרץ אויסצושרייבן.

סעגאַלאָוויטשעס אייביקער מאָטיוו איז ליבע און פריינטשאַפט. עס איז נישט די שטורעמדיקע ליבע פון מענטש צו וועלט, פון איינעם צו אַלע, נאָר שטענדיק ליבע און פריינטשאַפט (אָדער פיינטשאַפט) פון איינעם, ווייל די גאַנצע וועלט פון אַ — אין טיפן תוך נישט סאָציאַל איינגעשטעלטן דיכטער — איז איינער, ער אַליין, העכסטנס צוויי, ער און זיין פריינט, אָדער ער און זיין קעגנער. זאָג איך דאָס אַלץ דאָ ווי אַ פאָרוווּרף? ניין, נור ווי אַ פעסטשטעלונג פון אַ פאַקט. סוף כל סוף איז דאָך אַ האַלבע וועלט־ליטעראַטור אַזוי — אינדיווידואַליסטיש איינגעשטעלט.

אין מיין באַגריף איז סעגאַלאָוויטש קודם כל אַ פּאָעט. דאָס איז ביז דעם היינטיקן טאָג געבליבן זיין שטאַרקסטע זייט. זיינע לידער־ציקלען „קאַזימיעזש" און „רעגינע" זענען פערל פון דער יידישער ליריק, אָבער זיין ממש לאַווינעגאַרטיקע פּאָפּולאַריטעט האָט ער דערגרייכט דווקא אַלס ראָמאַניסט, כאָטש זיינע ראָמאַנען פאַרנעמען נישט דעם אָרט אין דער יידישער ראָמאַנען־ליטעראַטור, ווי זיינע פּאָעמען און לידער אין דער יידישער ליריק.

דערמאָנט „רעגינע" — דאָס ליבסטע, ווינקעלע מיינס אין דעם וואַלד פון די עטלעכע צענטליק סעגאַלאָוויטש־בענדער — מוז איך מיך שוין

פאוולאגראד אין 1916
אין 228 קערטשער פּולק

אַ קליין ביסעלע מער אָפּשטעלן אויף דער פּאָעמע. געזאָגט „דאָס ליבסטע ווינקעלע", האָב איך דען אַ רעכט דערצו? האָב איך דען אַלץ איבערגעלעזן, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן? איך בין אָבער אַזוי פֿאַרליבט אין דער פּאָעמע „רעגינע", אַז עס איז שווער, איך זאָל איר אומגעטריי ווערן, אפילו ווען איך וועל געפֿונען אַ בעסערע זאַך אין זיינע ווערק. לאָזושע מיר דעריבער די באַצייכענונג „דאָס ליבסטע ווינקעלע".

עס איז אַ פּאָעמע אין זעכציק לידער, אַ דערציילונג פֿון אַ זומער-ליבע, אַ געזאַנג פֿון דעם טרויער, וואָס איז דאָ אין יעדער שיינקייט, אַ גע-זאַנג פֿון דער פֿאַרגענגליכקייט פֿון אַלץ, וואָס שיין, און וואָס שענער, אַלץ פֿאַרגענגלעך. ווי אָפֿט איך נעם דאָס בוך „פּאָעמען" אין האַנט אַריין, רעציטיר איך מיר שטיל און מיט אַ ניגון דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע עלעגישע ליד. איז דאָס אַ טיפֿ, אָט די פֿאַרהייערטע, די עקסצענטרישע רעגינע פֿון דער פּאָעמע, איז דאָס אַ לעבעדיקע געשטאַלט, ווי די גע-שטאַלטן פֿון די עפּאָפּייען? ניין, עס איז בלויז אַ חלום-געשטאַלט פֿון אַ דיכטער, נישט קיין פֿאַרנעפּלטע און פֿאַנטאַסטישע, נאָר אַ פֿאַרשלייערטע און אַ לעבעדיקע, אַ שיינע, וואַרעמבלוטיקע, שלאַנקע פֿרוי. אַן אויס-געחלומטע פֿרוי, אָבער אַזאַ, וואָס דער דיכטער האָט זי געזען, כאָטש ער האָט זי נישט דערגרייכט. אפשר דערפֿאַר, אַז זי זאָל שענער בלייבן אַ נישט-דערגרייכטע ווי אַ דערגרייכטע.

דער אינהאַלט פֿון „רעגינע"? אין עטלעכע ווערטער אויסגעדריקט, ווי דער אינהאַלט פֿון יעדער ליבע. אַ זומער פֿאַרבראַכט אין דער נאָענט פֿון אַ פֿרוי, פּלוצלינג זיך צעגאַנגען מיט דעם אָנקומען פֿון הערבסט, געוואָלט זיך צופֿעליק ווידער טרעפֿן אין שטאָט, געטראָפֿן זיך, געזען זיך מיט איר, אָבער דאָס שיינע איז שוין מער נישט געווען, אַ חלום קומט נאָר איינמאָל, און זי פֿאָרט אַוועק אין דער ווייטער וועלט, דער דיכטער בלייבט ווייטער איינזאַם. און דאַד בין איך זיכער, אַז

ווען עס וואָלט צופעליק געקומען אַ טאָגצייטונג און וואָלט אָפּגעדרוקט די דאָזיקע געטאָקטע זעכציק פּירסטראָפן-לידער — ווי פעלעטאָנען טעג-לעך אַ ליד — וואָלט דער עולם זיי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלייענט זענען זיי אַזוי עפּיש? איזדאָרט דאָ אַזאַ שפּאַנענדע אַקציע? ניין, עס אי אָבער אַזאַ פאַרכאַפּנדיקער סענטימענט אין זיי, אַזאַ שיינער ריטם, אַזאַ סובטילקייט, פאַר אַלעמען און אין יעדער, אַפילו טאָגטעגלעכסטער סיטואַציע, צוגעגלעך.

ווי שטיל זיי פליסן יענע פערזן:

עס שלאָפן שטום די פרעמדע שכנים,
עס שלאָפט דאָס פעלד, דער וואַלד פון סכך,
די וועלט געהערט ביינאַכט צו קיינעם,
נור בלויז צו די, וואָס בלייבן וואַך..."

און ווי בילדעריש זיי זענען אָפט, אָט למשל ביים באַשרייבן רעגינעס וואַרשעווער שטוב:

„ביי איר אין שטוב איז שטענדיק יום טוב
און פריציש רויק גייט די צייט,
איין שפּיגל שפּיגלט זיך אין צווייטן,
ווי אויג אין אויג געבליבן שטיין.
דער הענגלאָמפּ ציטערט אויף די קייטן,
פון קלענסטן שאָרך, פון זיך אַליין."

און ווי פּרעכטיק די גאַנצע פּאָעמע קלינגט-אויס אין 59-טן און זעכ-ציקסטן ליד, דער עיקר אין דעם 59-טן, דעם אויטאָפּאָטרעט פון אַן איינזאַמען און טאַקע ווידעראַמאָל סענטימענטאַלן דיכטער.

אָפּגעגעבן מיין ריטערלעכן קוש אין האַנט רעגינען, קען איך ווייטער גיין און פאַרענדיקן.

סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אַריינגעפירט אין

דער יידישער ליטעראַטור דעם איראָפּעישן סיזשעט, פּשוטער: דעם מענטש מיט דעם שניפּס.

ער איז שפּילעווודיק און עלעגאַנט אין דורכפירן זיינע סיזשעטן. ער האָט אַ פּאַרביקע שפּראַך, אַ קלאַנגפולע, אַ מעלאָדישע — כאָטש נישט גענוג אורשפּרינגלעך און דעריבער נישט גענוג רייך אין ווערטער. איין גרויסע מעלה האָבן זיינע ראָמאַנען, און אויך דאָס איז דער־גרייכונג ביי אונז, זיי זענען אינטערעסאַנט און שפּאַנענד. און איז נישט יעדער פון זיי אַן אויסגעשפּראָכענער ראָמאַן, זענען זיי אַלע צוזאַמען אַ בילד פון אַ תקופה, און דעריבער — ראָמאַן לויט אַלע כּללים.
און אויך מיך האָט פלוצלונג באַהערשט סענטימענט, ווען איך האַלט ביי די לעצטע ווערטער און דערמאָן אַ דאַטום דרייסיק יאָר, און דערמאָן, אַז שוין 25 יאָר קען איך און לעז סעגאַלאָוויטשן. עס איז געווען אין 1909· כהאָב דעמאָלט געשטעלט מיינע ערשטע פּערו־פיס־שריט... געפּאָרן דעמאָלט אין פרילינג אויף די פּעריען אַהיים, און אין דער היים האָב איך געהאַט אַ געליבט מיידל. די איינציקע לעק־טור אויף מיין צען־שעהדיקן וועג דעמאָלט איז געווען סעגאַלאָ־וויטשעס ערשטע בוך „שטילע טרוימען". דאָס בוך איז מיר פון דע־מאָלט, ליד און ליד, געבליבן אין זכרון. די באַן איז געפּאָרן אין פרילינג אַריין, אין מיין פרילינג אַריין, איך האָב געטראַכט און סע־גאַלאָוויטש האָט אַזוי געשריבן:

פלוצלונג באַווייזט זיך אַ בודקע,
עמיצער ווינקט מיט אַ פאָן,
פריי זיך פאַרשמאַכטע נשמה,
פריי זיך, דער פרילינג קומט אָן·

ער איז אָנגעקומען און ער איז שוין אַוועק אויך, אונזער ביידנס פרי־לינגען. געבליבן איז די טרייסט, אַז דאָס ליד איז געבליבן!

די שענסטע טרייסט צום יובל.

ש. י. סטופּניצקי

ד י ב ר כ ה פ ו ן װ א ל ד

וועגן סעגאלאוויטשס ראמאן

„די בר־ידער נעמזאר"

דרייסיק יאָר ליטעראַריש־קינסטלערישע טעטיגקייט איז אַ גאַנץ לעבן און בנוגע סעגאַלאָוויטשן איז עס אַ גאַנצע וועלט. שווער אַרומצונעמען אַפילו מיטן גייסטיקן אויג די פילפאַרביקע אַלזייטיקע קינסטלערישע שאַפונג זיינע. פּאָעזיע, דערציילונגען, ראָמאַנען, בילדער, סקיצן, רייזע־איינדרוקן. פון ווייסל ביז צו דער וואָלגאַ; פון קאַזמיעזש ביז יאַלטאַ, אומעטום האָט ער געוואָגלט, געזונגען, געליבט און געליטן. עס איז דאַרום שווער, זער שווער אָנצוכאַפּן דעם חוט השדרה פון זיין שאַפן, שווער, זייער שווער אַרויסצוגעפינען דעם צענטער, פון וועלכן זיין גייסט וואַרפט די ניצוצות, די פונקען וואָס צעשיטן זיך איבערן גאַנצן חלל פון אונזער וועלט און קומען צוריק אין דער געשטאַלט פון לידער און ראָמאַנען, קרי־מער נעכט און קאַזמיערזשער טעג. אפשר וועט קומען דער בערופענער, וואָס וועט די אַרבעט טון, מיר מוזן זיך בענוגענען מיט דער באַשיידענער ראָל, צו געבן אַן אָפּשאַצונג איבער איינע פון זיינע בעסטע ווערק, איבער די „ברידער נעמזאַר", אַן אָפּשאַצונג, וואָס איז דערשינען אין אַ רואיקער, וואָכעדיקער אַטמאָספערע, איז דאַרום

אויפריכטיק און ערלעך. זאָל דאָס דינען אַלס באַשיידענע מתנה דעם פריינט צו זיין יובילעאום.

* *

*

דער וואַלד איז פאַר אונז תמיד געווען דער אויסדרוק פון שרעק, פון ווילדקייט. ווען מיר זענען געווען קינדער, האָט מען אונז געשראָקן מיטן בער, מיטן וואָלף, מיט גזלנים. אַלע די שרעקלעכע, פיר־פיסיקע אָדער צוויי־פיסיקע רוצחים האָבן געהאַט זייער נעסט אין וואַלד. דאָרט האָבן זיי זיך באַהאַלטן, געלויערט פון זייער באַהעלטעניש אויפן מענטשן, אויפן קינד. „אין ווילדן וואַלד אַליין" איז דאָס שרעקלעכסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

ווען מיר זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער וואַלד קאָן אויך דינען פאַר אַן אָרט, וואו מען גייט שפּאַצירן, וואו מען קאָן כאַפּן אַ פלירט, אַז אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון געדיכטן וואַלד לאָזט זיך רעדן און זינגען פון ליבע, אַז דער וואַלד איז טויב, אַז ער איז בלינד און שטום און וועט נישט דערציילן, וואָס ער האָט געזעען אָדער געהערט. ווען מיר זענען נאָך עלטער געוואָרן, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער וואַלד קאָן אַמאָל זיין אַ סגולה צו קראַנקע לונגען, אַז פון זיין שוויס דערקוויקן זיך און באַקומען אַ נייע חיות די קראַנ־קע, אויסגעמאַטערטע מענטשן פון דער גרויסער שטאָט.

אַזוי איז געווען אונזער באַציאונג צום וואַלד, צו דעם גרויסן וואונדער פון דער וועלט. אונזער באַציאונג צו דער נאַטור בכלל און צום וואַלד בפרט איז אַ געוואַלדיק פּראָזאַאישע. דער באַקאַנטער שריפטשטעלער א. אַטלאַס, דער אַרויסגעבער פון „הכרם" האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ ייד קומט אין וואַלד, כאַפּט ער נישט קיין התפעלות פון דער נאַטור און אירע וואונדער, נאָר ער טראַכט זיך: אַך, ווען מען וואָלט עס גע־קאָנט כאַפּן אַט די אַלע פייגעלעך, וואָס זינגען דאָ, און זיי אַוועקטראָגן

אין שטאָט, — וואָס פאַר אַ מטמון געלט מען וואָלט עס געקאָנט דערפאַר באַקומען!

אַזוי האָט געזעען דעם וואַלד דער טרוקענער ליטוואַק. נישט פיל בע־סער האָלט עס מיט אונזערע פּאָעטן. ביי זיי פאַרקויפט נישט דער וואַלד זיינע פייגעלעך, דערפאַר שטייט ער און איז תמיד מתפלל, האַלט אין איין זאָגן „ברכי נפשי", ווינטער וויקלט ער זיך גאָר איין אין אַ ווייסן טלית און דאַוונט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָבן, הייסט עס, איבערגעטראָגן אונזערע ראָמאַנטישע שטימונגען אויפן וואַלד, און אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין גרויסן חשק צום דאַוונען, לאָזן מיר דעם וואַלד, ער זאָל פאַר אונז דאַוונען. סעגאַלאָוויטש איז דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור, ווי מיר שיינט, וועלכער ווייזט אונז דעם וואַלד, ווי ער איז, ווי ער זעט אים מיט זיין אָפן דיכטערישן אויג. מיר זעען דעם וואַלד אין זיין גאַנצער פּראַכט, אין זיין גוואַלדיקער עשירות, אין זיין שפע פון פאַרבן און קלאַנגען, מיר הערן, ווי דער וואַלד וואַקסט, מיר זעען, ווי ער גרינט און בליט, מיר זעען, ווי ער פאַלט און שטאַרבט. מיר זעען די ברכה פון וואַלד בשעת זיין געבורט, מיר הערן זיין שמחה, ווען ער פילט זיין כוח, ווען ער שטרעקט זיינע מעכטיקע אָרעמס און זיין „צאַפּ" רייסט זיך צום הימל; מיר הערן זיין רוישן און קרעכצן אין קאַמף מיט שטורם און ווינט; מיר הערן זיין זיפצן, ווען די האַק שניידט זיך אַריין אין זיין געזונטן לייב; מיר זעען, ווי דער גאַטער, דער „קראָקאָדיל" שלינגט די מעכטיקע שטאַמען און צעברעקלט זיי אויף ברעטער.

די אַלע ווונדער דערציילט אונז נישט דער דיכטער, וועלכן מיר האָבן אַ ברירה אויך נישט צו גלויבן, נאָר דאָס דערציילט אונז דער וואַלד מיט זיין וואַלד־שפּראַך. פון די 300 זייטן, וואָס דער ראָמאַן פאַרנעמט, רעדט מיט אונז דער וואַלד ווייניקסטנס אויף 200 זייטן, און דעם וואַלד מוזן מיר גלויבן...

די ברכה פֿין וואַלד הערן מיר אין דעם ראָמאַן און מיר מעגן אויך מאַכן אַ ברכה. מיר האָבן דאָ פֿאַר אונז אַ גאַנץ נייעם סעגאַלאָוויטש. מיר האָבן פֿאַר אונז אַ שרייבער מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם, אַ שרייבער, וואָס פֿאַרמעסט זיך מיט אַ קנוט האַמסון, מיט אַ ריימאָנט. מיר דער־זעען צום ערשטן מאָל דעם וואַלד אין זיין גאַנצער גרויס און פֿאַרנעם. מיר זעען אויך די באַציונג צום וואַלד מצד דעם מענטשן. ווי אַנדערש די אַלטע גענעראַלשע קוקט אויפֿן וואַלד, וועלכע וויינט ביטערלעך און גע־זעגנט זיך מיט אים, ווען זי מוז אים פֿאַרקויפֿן צום חלף, און ווי אַנדערש קוקט דער סוחר נעמזאַר אויפֿן וואַלד!

יאָ, דער קובאַ נעמזאַר דער העלד פֿון ראָמאַן, איז אויך אַ נייע פֿיגור ביי אונז. ביז אין דער לעצטער צייט איז דער העלד פֿון דער ליטע־ראַטור געווען דער ישיבה־בחור, דער עקסטערן, דער האַלב־אינטעלי־גענט, דאַקעגן האָט כמעט אינגאַנצן געפֿעלט דער יידישער סוחר, דער אמתער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער יידישער גאַס, דער אַקטיווער טוער און עסקן אויף אַלע געביטן. דעם פֿאַקט האָט שוין אין זיין צייט באַ־מערקט דער פֿאַרשטאָרבענער „בעל־מחשבות". די סיבה, פֿאַרוואָס אונזער ליטעראַטור האָט זיך געדרייט אַרום קלויז, אַרום חדר און ישיבה, אָדער אַרום דעם האַלב־אינטעליגענט, איז גאַנץ נאַטירלעך. אונזער לי־טעראַטור איז אויסגעוואַקסן פֿון חדר, פֿון ישיבה, זי איז אַ פּראָדוקט פֿון קליינעם שטעטל. אונזערע שרייבער זענען אַליין אויסגעוואַקסן אין דער סביבה און האָבן געשילדערט דאָס, וואָס זיי האָבן געזעען, דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט. קיין גרויסע וועלט האָבן זיי קיינמאָל נישט געזעען, קיין גרויסע אונטערנעמער האָבן זיי נישט געקענט און האָבן זיי גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. ביסלעכווייז הייבט אָן דער אונטערנעמער, דער „בורזשוי". אַריינצודרינגען אין דער ליטעראַטור, און סעגאַלאָוויטש האָט אַרויסגעפּירט איינעם פֿון די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן פֿון דעם מין. אַ מענטש מיט אַן אייזערנער ענערגיע, מיט אַ שטאַרקן ווילן און גרויסע פּלענער; אַ מענטש, וואָס איז אומדערמידלעך, וואָס ווייסט

נישט פון קיין געגוג, וואָס טראַכט נאָר, ווי באַקומט מען וואַלד אויף צו שניידן, אויף צו האַקן... און דער טיפּ ווערט נאָך בולטער, ווען ער שטעלט אים קעגן זיין יונגערן ברודער פּאַלק, דעם קינסטלער—ליידיק-גייער, וועלכער כאַפּט זיך אַראָפּ פון פּאַריז רייסן ביים ברודער „זיין חלק ירושה", און דעם צווייטן ברודער איזאַק, וועלכער איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד אַלס „אידעאַליסט" און קומט אויף צום ברודער אויס-שעלטן דעם בורזשוי. אָט דער קאָנטראַסט צווישן די ברידער, דיביידע עקסטרעמען, וואָס טרעפן זיך אין דער שנאה צום אומדערמיד-לעכן אונטערנעמער און עקספּלואַטאַטאָר פון בראַניצקיס וועלדער, איז זייער אַ געלונגענער. מער נישט, וואָס דער פּאַריזער פּראַנט, פּוסטע-פּאַסניק, איז אַרויסגעקומען קלאָרער און בולטער. ווי דער רוסישער ראַדיקאַל. וואָרשיינלעך האָבן אומאָפּהענגיקע סיבות געשטערט דעם קינסטלער זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף דעם טיפּ און אים זיך לאָזן געהעריק אויסרעדן.

ניי איז אויך אין דעם ראָמאַן דער „ראָמאַן". סעגאַלאָוויטש גילט ביי אונז אַלס דער גרויסער פּרויען-קענער. אין אַ פּאָר צענדליק ראָמאַנען און הונדערטער סקיצן האָט ער געשילדערט די פרוי, איר ליבע און איר שנאה. אָבער איך געהער צו די, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו צווייפלען אין זיין פּרויען-קענטעניש. עפּעס זענען אַלע זיינע העלדינס געווען געקנעטן פון איין ליים, אַלע זענען זיי געווען געשניטן פון איין האָלץ. די העלדן, וואָס האָבן באַוויזן די קונץ צו באַהערשן די פּרויען, זענען אין דער אמתן גאָר קיין העלדן נישט, זיי האָבן קיין קונסט נישט געוויזן. עפּעס האָבן כמעט אַלע זיינע פּרויען געפּרעסן פון דער האַנט — ווי מען זאָגט, — האָבן זיך פּשוט געבעטן: נעם מיך און טו, וואָס דיין האַרץ אָדער דיין קאַפּריז גלוסט. זיין העלד קאָמעניעצקי האָט עס זייער גוט. מיט וועלכער פּרוי ער טרעפט זיך, צי זי האָט אַ מאַן אָדער נישט, צי זי איז בירגערלעך אָדער ראַדיקאַל און אַפילו אַנאַרכיסטיש געשטימט, צי זי איז אַ דאָרפס-מיידל אָדער אַ ראַפינירטע

גרויסשטאָטישע קינסטלערין — אַלע די פרויען לויפן אים נאָך או וואַרפן זיך אים פאַר די פיס.

ניין! אַזוי איינפאַך איז די מעשה נישט. אַזעלכע פרויען זענען אפשר ערגעץ פאַראַן, פון זיי לוינט זיך אָבער נישט אַזוי פיל צו שרייבן. איבערהויפט איז עס נישט „אונזער פרוי". מיר האָבן גאַנץ אַנדערע אידעאַלן און פאָרשטעלונגען פון דער פרוי. מיר קענען איר אויך פון לעבן און עס זעט אויס, ווי אַ בלבול אויף דער יידישער פרוי, ווען מען מאַכט פון איר אַ „נאַנאַ".

דאָ, אין „די ברידער נעמזאַר" האָבן מיר פאַר אונז אַ גאַנץ אַנדערע פרוי. בעלאַ נעמזאַר איז די פיינע, דערצויגענע, געבילדעטע, מאָדערנע יידישע פרוי, וועלכע איז איבערגעבן דעם מאַן, די קינדער מיט לייב און לעבן. אמת טאַקע, זי לאַנגווייליקט זיך אַביסל אין דעם ווילדן וואַלד, וואו דער מאַן האָט זי פאַרשפאַרט, וואו זי הערט טאָג און נאַכט. ווי דער טאַרטאַק רוישט און ברומט, וואו זי זעט נישט פאַר זיך קיין מענטש, אויסער די בערג קלעצער און ברעטער מיט די אָנגע־שטעלטע, וואָס דרייען זיך אַרום זיי. עס איז דערום גאַנץ נאַטירלעך, ווען זי נעמט פאַר ליב די געזעלשאַפט פון פּאָעט קנישינסקי, דעם איינציקן מענטש מיט שטימונגען און חלומות, וואָס געפינט זיך צופעליק אין דער סביבה, אָבער פון געזעלשאַפט ביז ליבע און פון ליבע ביז זינד, איז ביי בעלאַ נעמזאַר אַ ווייטער וועג. און נישט בלויז ביי איר איז עס אַזוי, איך מיין, אַז דאָס איז דער אמתער טיפּ פון דער פרוי בכלל און פון דער יידישער פרוי בפרט. אויב די פּאָעטן מיינען אַנדערש; אויב ביי זיי מוז פון יעדן פריינטשאַפטלעכן פאַרקער ווערן אַ ליבע, און די ליבע מוז זיך ענדיקן מיט זינד אָדער פאַרברעכן, מיט מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד—בין איך צופרידן, וואָס איך בין נישט קיין פּאָעט און האָב אין לעבן אַנדערע דערפאַרונגען געמאַכט. און נישט נאָר איך האָב די אַנדערע דערפאַרונגען געמאַכט, אויך קנישינסקי מוז נעבעך, צו זיין גרויסן פאַרדרוס, מאַכן די דערפאַרונג. אָבער די לעקציע

קאָסט אים גאַנץ טייער. ער באַצאָלט דערפאַר מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ און אַנטלויפט מיט חרפּה פון וואַלד.
ווי געזאָגט, אין די „ברידער נעמזאַר" טרעט פאַר אונז אַרויס אַ נייער סעגאַלאָוויטש. דער קינסטלער איז געוואַלטיק געוואַקסן פאַר די לעצטע פאַר יאָר און מיט אים איז געוואַקסן זיין ווערק. ער איז איי־נער פון די, וואָס זענען באַרופן, אַרויסצופירן אונזער ליטעראַטור אויפן ברייטן אייראָפּעאישן טראַקט. מיר קאָנען האַרציק באַגריסן דעם נייעם סעגאַלאָוויטש און אים ווינטשן: לך בכחך זה!

יהושע פערלע

א ו י ח ו ס ־ ב ר י ו

קאַנטורן פון אַ פּאָרטרעט

א מענטש, אַ שאַרפקאַנטיקער, אַ כמורנער מיט גרויע, שווערע אויגן. אַ מענטש וואָס לאַכט אין געציילטע רגעס.

ווי קאָן אַזאַ איינער זיין פאַרליבט ביז קינדישער תמימות אין אַ פּאַר־שנייט צווייגל, אין אַן אויסגעקרומטן פּלויט, אין אַ קרייץ ערגעץ אויף אַ פּוילישן שאָסיי אָדער אין אַ קליין צאַרט מיידל?

איז אָבער דער דאָזיקער מענטש אַ דיכטער. און דיכטער געהערן צו יענעם אויסטערלישן פאָלק, וואָס אַרומגייענדיק אפילו מיט פאַרקריצטע ציין — זינגט אַרויס פון זייער מהות די פרייד צו וועלט און צו מענטש.

ז. סעגאַלאָוויטש, דער אייביקער שוויגער, דער מענטש, וואָס שוין גאַנצע דרייסיק יאָר, ווי ער גייט אונטערן שאַרפן ווינט פון שנאת־חינומדיקע פיילן — ער איז דער איינער, וואָס קאָן פאַרליבט זיין אין שונא, וואָס קאָן זינגען פון נאַסטורציעס, וואָס קאָן אויפנעמען די שטילסטע קלאַנגען פון מענטשלעכן צער — פון מענטשלעכער שמחה און פון דער אַרומיקער סביבה, אין וועלכער דער מענטש לעבט זיך אויס.

ז. סעגאַלאָוויטש איז געבוירן געוואָרן, נישט אין שול־געסל, אונטערן

בית־המדרש, און נישט אין יענע איינגעפונדעוועטע שטובן, וואו ססטיי־ ען ספרים־שענק און ס׳דרייען זיך אַרום טאַטעס מיט ברייטע בערד — ער קומט צו אונז פון אַ פּאַרויכערטער גאַס, פון אַ דויער אויסגעאַר־ בעטער גאַס, וואו ס׳דרייען זיך אַרום שגצים און כאַפּן־אויף טויבן.

אויך ער, סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די יענע, הפקרדיגע שגצים, וואָס קאָנען אויף אַ פּראָסט, הילצערן פייפל דערציילן פון טויט און פון לעבן. פון ליבע און פון שנאה, דערציילן אַזוי, מען זאָל זיצן מיט אַן איינגעהערט פאַרפלאַמט פּנים.

ער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אָן קרובים. ער איז נישט קיין רביש איינקל און האָט נישט קיין יחוס־בריוו אין בוזים־קעשענע.

איינער אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ גואל און אָן אַ פריינט — און שוין דרייסיק יאָר, ווי ער שטייט מיט צענומענע עלענבויגנס — אַרומגערינגלט מיט אַ סך, אַ סך וואָרעמע אויגן — בלויז אונזערע פסיידאָ־יחסנים, אונזערע, אַזוי צו זאָגן, ליטעראַרישע בורזשואַזיע — קאָן נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן באָרוועסן שייגעץ, וואָס זינגט מיט אַזאַ אָפן וואַרעם האַרץ.

סעגאַלאָוויטשן קאָן מען מיט קיינעם נישט פאַרגלייכן — מען קאָן אים נישט פאָרוואַרפן, אַז ער מאַכט עמיצן נאָך.

ער שרייבט אַנדערש, ווי מיר אַלע. ער ווירקט — נישט מיט בילדע־ רישקייט, נאָר מיט עפּעס גאָר אַן אייגנאַרטיקן, באַהאַלטענעם קנייטש, וואָס זיין אייגנטלעכער נאָמען איז אייביק־מענטשלעכער סענטימענט, אייביק מענטשליך געפיל.

ער האָט אַריינגעשטראָמט אין אונזער ליטעראַטור פון אַ זייט, נישט ווי אַ ברייטער, שרייענדיקער טייך — נאָר ווי אַ צאַפּלדיקער־ ווייס־

אָדערדיקער קוואַל. הינטער אים שטייען נישט קיין דעמבעס, עס בליען בלויז ווייס-געקאַלעכטע קאַרשען-בוימער.

און זיין שאָטן איז מנוחהדיק, אַזוי ווי ס׳איז געווען אַמאָל מנוחהדיק אין די זומערדיקע שבתים, אין די סעדער, טאַקע אונטער די קאַרשען-בוימער.

איז סעגאַלאָוויטש אַ קלוגער ?

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט דעם אומזין, אַז קלוג זיין הייסט פאַרלויפן יענעם דעם וועג, אָבנאַרן מיין שכן פריער, איידער יענער באַוויזט מיך אָפּצונאַרן ?

צו די דאָזיקע „חכמים" געהער סעגאַלאָוויטש נישט.

ער איז אָנגעקניפּט מיט אַלע אָדערן פון זיין געמיט צו יענער כאַליאַסטרע הייליקע „נאַראָנים", וואָס די מענטשלעכע שפּראַך רופט זיי — „דיכטער" און וואָס טראָגן אויף זייערע „נאַרישע" אַקסלען דעם עול און דעם ערנסט פון דער וועלט.

איז סעגאַלאָוויטש יידיש ?

דאַכט זיך, אַז קיינער פון סעגאַלאָוויטשעס קריטיקער האָט די דאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט. און שטעלן דאַרף מען זי.

קיין שום דיכטער פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל. ער מוז האָבן אייגענע וואָרצלען הינטער זיך.

סעגאַלאָוויטש, ווי געזאָגט, איז געקומען אָן יחוס-בריוו און אָן קרובים. מיט די אייגענע צען פינגער האָט ער אויפגעאַקערט זיין שטיק פעלד, זיין שטח, וואָס נעמט אַרום אַ גרויסן מהלך.

קאָן טאַקע זיין, אַז צוליב דעם איז זיין שטאַם נישט טיף-פאַרוואָרצלט אין דער יידישער ערד.

ער שטייט אינדערמיט. צווישן יידיש און צווישן וועלטלעכקייט.

ער איז איין בוים אויף אַ גרויס פעלד. אַרום איז דאָ אַ סך לופט, אַ סך זון. דער הימל איז אַ פרייער. אָבער מער פון אַלץ זעט מען אָן דעם איינציקן בוים. ער איז די נשמה פון דאָזיקן אָפענעם פעלד. ביי אים רוט מען זיך אָפּ. אונטער אים טרעפן זיך פאַרנאַכט פאַרליבטע חתן־כלה.

אָט דאָס איז סעגאַלאָוויטש — ווי מען זעט אים נישט אונטער דעם קורצזיכטיקן גלאָז פון קריטיקער, נאָר דורך איינעם, וואָס נעמט אויף ליטעראַטור נישט מיטן קאָפּ, נאָר מיטן האַרץ.

רחל קאָרן

דער דיכטער פֿון פֿרוי און נאַטור

וויפֿל נישט באַפֿרידיקטע בענקשאַפֿט האָט געמוזט פֿייניקן די נשמה פֿון דעם אײביק פֿאַרזאָרגטן און טרויעריקן ייִנגל, אַז זי האָט געקענט אין משך פֿון יאָרן פֿאַרוואַנדלען די האַלב־צעפֿוילטע שטאַכעטן פֿון די כאַנייקעס אין זונדורכגעגליטע סאָסנעס און די קליינשטעטלדיקע, בלאָטע־צעווירענע געסלעך אין די דרום־רוסלענדישע לאַנדשאַפֿטן.

סעגאַלאָוויטש האָט אָפּגעראַטעוועט פֿון זײַן קינדהייט דאָס בעסטע: דאָס געפֿיל פֿון אוממיטלבאַרקייט ביים אויפֿנעמען דאָס שיינע און גוטע. צווישן די טיפּן, וועלכע ער מאָלט, געלונגען אים אַמבעסטן די, צו וועלכע ער האָט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג, וואָס איז גראָד נישט איינע פֿון די לייכטסטע זאַכן. ביי שרייבער קומען דווקא ארויס בולט די כאַראַקטערן פֿון די נעגאַטיווע טיפּן. אויף אַ הויקער לאָזט זיך אָנלאָדענען אַ סך, די גאַנצע אומצופֿרידנקייט מיט וועלט און מיט זיך אַליין. און וואָס האַרטער און אויסגעוואַקסענער דער הויקער, אַלץ אַ שטאַרקערע הנאה פֿאַרן שרייבער, ווייל דווקא דעם הויקער האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן. די נעגאַטיווע טיפּן זענען אַזויצוזאָגן דער מיסטקאַסטן, אין וועלכן מען וואַרפֿט אַריין דאָס פּסולות פֿון דער צייט. און פֿאַרקערט, די צאָל אַקסעסואַרן ביים שילדערן דאָס גוטע און פּאָזיטיווע איז אַ באַגרענעצטע און שטענדיק איז פֿאַראַן די געפֿאַר אַריינצופֿאַלן אין אַ צו גרויסער סענטימענטאַלישקייט.

סעגאַלאָוויטש שטאַט אויס זיינע העלדן אין דער אמתער מאָס פון געפילן, אַזוי ווי מ׳פלעגט פאַרצייטנס פאַרזאָרגן אונזערע באָבעס מיט אויסשטייער אויף אַ גאַנץ לעבן, אַז די וועבענע טישטוכער און ציכן זאָלן נאָך איבערבלייבן פאַר קינדס־קינדער.

יעדער ראָמאַן פון סעגאַלאָוויטשן איז פולגעפאַקט מיט די געפילן פון די העלדן, פונקט ווי אַ וואָגן, וואָס פאָרט מיט סחורה אויף אַ יריד. דעריבער קומט אים אויס אַזוי שווער אַ שטופּ צו טון די אַקציע פאָרויס, נאָר טאָמער האָט ער שוין יאָ געריקט פון אָרט, פאָרט ער שוין צום ציל גלאַטיק און אָן שום שטערונגען.

סעגאַלאָוויטשעס ליבע צו זיינע העלדן ענדיקט זיך נישט מיטן בלויזן אויסשטאַטן זיי מיט אַלע בעסטע אייגנשאַפטן. ער היט זיי אויס ווי לאַנג ס׳איז אים נאָר מעגלעך פון אַלעם בייזן. טיילמאָל שלעפּט ער אַ נישטיק געשעעניש דורך עטלעכע איבעריקע בוך־זייטלעך, כּדי צו געבן דעם העלד די מעגלעכקייט צוצוגעוויינען זיך צו דעם אומפאַר־מיידלעכן און וואָס לענגער אָפּצוהאַלטן די קאַטאַסטראָפאַלע צוזאַמענ־שטויסן. און ווען סעגאַלאָוויטש זעט, אַז ס׳איז שוין מער קיין שום אויסוועג נישט פאַראַן, הער איך ממש זיינע ווערטער, מיט וועלכע ער טענהט זיך אויס מיט זיין העלד: — פאַרמאַך די אויגן און לאָמיר ביידע אַריבערשפּרינגען דאָס פאַסקודנע זייטל. מער ווי אַ זייטל וועט עס דאָך נישט זיין. און גלויב מיר, דיר איז שווער צו שטאַרבן, אָבער מיר איז נאָך שווערער, וואָס איך מוז דיך מיט מיינע אייגענע הענט צופירן צום טויט.

סעגאַלאָוויטש צעגלידערט נישט, ווי דאָס רוב אונזערע פּראָזאַיקער דאָס מיאוסע פון מענטשלעכן לעבן, ער ניצעוועט נישט די מענשלעכע נשמות, כּדי אויסצוגעפינען אַ שלעכט צוגעסטריגעוועטע זייט, דאָס שלעכטע נעמט ער בלויז אויף, ווי אַ גורל־זאַך. צוּוואָס זיך פּאַטש־קען אין בלאָטע, ווען אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזויפיל שיינקייט?

סעגאַלאָוויטשעס שאַפן איז ענג פאַרבונדן מיט דער פרוי און מיט דער נאַטור. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז אין דער יידישער ליטעראַטור זייערביידנס לעצטער ריטער.

וועלדער שטאַרבן, ווייל אַזוי האָבן באַשלאָסן פליכעוואַטע קעפ אויף עפעס אַ קאָנפערענץ פון די טרעסטן, און די פרויען — האָבן אַליין רעזיגנירט פון זייערע ביזאיצטיקע פריווילעגיעס און ווילן גיין אין לעבן אַליין. ווייל סעגאַלאָוויטש קאָנסערווירן צווישן בוך-טאָוולען וואָס מער פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט פון אַ שטאַרבנדיקער תקופה. דעריבער גיסט ער אַריין דעם ריח פון זומער-צעשמעקטע סאָסנעס אין קליינע, שוואַרצע בעכערלעך פון די אותיות און פרוווט מיט דינע זונשטראַלן אויסמאָלן דעם שטילסטן פרויען-שמייכל צווישן די פיר ענגע, פאַרשאָטנטע ווענט פון אונזער לעבן.

און פונקט אַזוי, ווי ער זעט נישט די באַזונדערע סימנים פון איינצלנע ביימער, נאָר דעם וואַלד אַלס אַ גאַנצקייט, וואָס לעבט לויט אייגענע אורגעזעצן, פונקט אַזוי שטרייכט ער אונטער אין די, פון אים געשאַפענע פרויען-טיפן די ספּעציפישע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן פון גאַנצן פרויען-מין. און די פאַרפלעכטונג פון די דאָזיקע צוויי באַזונדערע וועלטן: פרוי און נאַטור, טראָגט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַ מיסטישער בלוט-קרובהשאַפט.

פונקט ווי די ביימער און גרעזער זענען קנעכט פון איין איינציק הייפאַלע ערד, צו וועלכן מען איז צוגעוואַקסן מיט אַלע אָדערן, פונקט אַזוי איז די פרוי, שקלאַפין פון אייגענעם בלוטקרייז.

זייער ביידנס לעבן איז דאָס אַריינהאָרכן אין זיך אַליין, דאָס אַנטפלעקן אַלע סודות דורך דעם ריטם פון אייגענעם בלוט און דאָס אייביקע וואַרטן אויף דעם פרעמדן ווילן, די דרויסנדיקע שטויסקראַפט, וואָס זאָל אויסלייזן אין זיי דאָס, וואָס עס ליגט טיף פאַרבאָרגן אויפן גרונט פון אַלע מעגלעכקייטן. איין איינציק לייכט ווינטל קען צעוויגן

אַ גאַנצן וואַלד, איין איינציקע באַגעגעניש, אַ צופעליקער שמייכל, קען פאַרוואַנדלען דאָס פאַרבלאָזסטע לעבן פון אַ פרוי אין דער וונדער־לעכסטער מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.

מיט זיין דיכטערישער אינטואיציע האָט סעגאַלאָוויטש אַרויסגעפילט דאָס פעמינינע אין דער נאַטור און דאָס נאַטורהאַפטע, פרימי־טיווע, דאָס, וואָס ליגט נאָך אַמנאָענטסטן ביי די שוועלן פון אור־אמת, אין דער פרוי.

„די ווילדע ציילקע" איז דער סינטעז פון די דאָזיקע עלעמענטן. זי איז נאָך פרוי און נאַטור צוזאַמען. אָבער די פרוי בעלאַ אין דעם שפעטערדיקן ראָמאַן „די ברידער נעמזאַר" פאַרפאַסקודזשעט שוין דעם וואַלד מיט איר גרויסשטאָטישן, דעקאַדענטישן ווײ, אַט דעם וואַלד וואָס וואַקלט זיך שוין במילא אונטער די קלעפ פון העק.

איז ווי אַזויזשע? רעזיגנאַציע אונטער דעם גאַלאַנטן שמייכל פון אַ לעצטן ריטער, קאָנצעסיעס לגבי אַנדערע וועלטגעזעצן?

רויך פון דער ליולקע שפילט מיט געדאַנקען, וויקלט זיך ווי בלאָע באַנדאַזשן אַרום אייגענע ספקות, אייגענעם האַרצווייטיק.

— עס זענען נאָך פאַראַן אַ סך וועלדער אַחוץ דאָמבראָווקע, וועל־דער אין פוילן ליטע און קאַנאַדע.

און מען קען נאָך אַלץ חלומען פון אַ פרוי, וואָס איז אפשר בכלל אויף דער וועלט נישט פאַראַן.

יואל מאַסטבוים

די ברוגזע פלייט

עס זענען פֿאַראַנען אינסטרומענטן, וואָס לויפֿן אַוועק פֿון אָרקעסטער, זיי באַהאַלטן זיך ווי ברוגזע גוטע פֿריינט. אַזאַ ראָל שפּילט אָפּטמאָל די פֿלייט: זי באַגלייט, גייט מין הצד, אָבער דער מבין ווייס, אַז דאָס איז נאָר אַ גאַנג אַזעלכער און אַז אין דער אמתן דינען די ברוגזע טענער צו דערוועקן עטוואָס אינטים־לירישעס, בענקענדיקס.

סעגאַלאָוויטש זינט איך קען אים, זעט שטענדיק אַזוי אויס.

נישט איינמאָל פֿרעג איך מיר, ווען כ׳זע אָט די הויכע, תמיד גלייכע און, דאַכט זיך אייביק פֿאַרשטיינטע פֿיגור, — וואָס וויל ער? וואָס וויל ער מיט זיין מויל, מיט די דינע ליפּן, אָפּטמאָל פֿאַרשלאָסענע פֿון רוגזה, אַריינזאָגן דער וועלט? פֿאַרוואָס שמייכלט ער נישט, ווען ער שמייכלט? אָט ברעכט זיך איין, טראַכט איך, דאָס שטייפֿע, טיילמאָל פֿאַרומערטע פּנים, פּונקט ווי אַ גרויע אייז־דעק וואָלט זיך איינברעכן, — איך קוק אים אָן און ווער ברוגז צוליב זיין ברוגז און גיי אַוועק פֿון אים. אָבער באַלד פֿאַרטראַכט איך מיר און צעטרייב מיין אייגענעם ברוגז מיט אַ שמייכל: ווייל נישט יעדעס פּנים, וואָס זעט אויס ברוגז און נישט יעדע אויסערלעכע שטייפֿקייט איז אַן אויסדרוק פֿון אמתער קאַלטקייט.

אין מיינע אויערן קלינגען נאָך אָפּ טענער פֿון אַ לידל, וואָס איך

האָב געליינט אַמאָל אין דער יוגנט. דאָס לידל איז מיר געבליבן אין זכּרון און עס קאָלערט זיך אין מיינע אויערן שוין מער ווי צוואָנציק יאָר.

„וויינט נישט, יונגע בלימעלעך,
איך האָב אייך אָפּגעריסן,
צאַרטע מילדע בלעטעלעך, —
ווי טויבן פאַרן שעכטן
ציטערט איר אין האַנט ביי מיר,
אין האַנט אין מיטן פלעכטן".

דער צאַרטער איינדרוק פון יענע נשמהדיקע ווערטער זענען מיר געבליבן. די טענער קלינגען מיר תּמיד אין די אויערן. קען זיין, אַז אַזאַ דינער ליריזם איז פאַרן מענטשן פון נייעם דור אַביסל אומפאַרשטענדלעך. וואָרן ווער דאַרף היינט בכלל ליריק? און ווער זוכט עס עפּעס אין אַ ווערק אַזוינס, וואָס זאָל רעדן, אַפּעלירן צום געפיל? דער איצטיקער דור מענטש, האָט די ליריק, די אמתע ליריק, שוין אַוועקגעוואָרפן. ער דערהערט זי נישט, זי איז צו שטיל און עפעקטן־אָרעם. זיין אויער איז פאַרטויבט פון טומל־אויסגעשרייען. ווילדע קולות פון אימיטירטן נעגערישן דזשאַז האָבן באַהערשט די וועלט. די בחורים און מיידלעך, די מוזיקער און די דיכטער – אַלץ שפּילט פאַר דער צייט און טאַנצט פאַר דער צייט. — כּדי צו דערוועקן דאָס געפיל, ווייזט מען נאַקעט־שרייענדיק לייב, כּדי צו דערוועקן די אויפמערקזאַמקייט, מאַכט מען קוביסטישע רעקלאַמע־פלעקן. ווי לאַטעס, איין לאַטע אַ רויטע און איינע אַ גרינע. דאָס איז היינט די פּאָעזיע. ליריק? פאַר ליריק איז היינט קיין אָרט נישטאָ.

סענאַלאָוויטש האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו לעזן צייט־פּראָבלעמען. ער האָט נישט איינגעריסן אַ וועלט. מען וואָלט אים געקאָנט פאַר־

גלייכן צו אַ שלענגלדיק טייכל, אַ מילד טייכל מיט אַ קלאָרן דורכ־זיכטיקן שטראָם.

איך וואָלט אפשר נעקענט האָבן טענות צו דעם אינהאַלט און סטיל פון אַ טייל ביכער זיינע, איך וואָלט אים אפשר געקענט אויפמערק־זאַם מאַכן, וואו ער איז בעסער אָדער ערגער. אָבער אומעטום איז פאַראַן סעגאַלאָוויטש דער לירייקער מיטן דינעם איידעלן טאָן, וואָס רייסט זיך דורך אין יעדער שורה זיינער און יעדן וואָרט.

סעגאַלאָוויטש איז נישט געקומען אין דער ליטעראַטור, ווי אַ וואונ־דער־קינד. ער האָט נישט געבליצט, נישט פאַרוואונדערט. פערקערט, פון זינט מיר קענען אים איז ער ברוגז, ברוגז אויף מענטשן, ברוגז אויף שטיינער, ברוגז אויף דעכער, ברוגז אויף קריטיקער און ברוגז אויף זיך אַליין.

און ברוגזערהייד האָט ער פונדעסטוועגן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, ער האָט אונז געגעבן אַ שפּאָר ביסל ביכער, וואָס וועלן שטענדיק אין אַלע צייטן באַליבט זיין ביי יענעם מענטשן, וואָס זיין האַרץ איז נישט פאַרטויבט פון דעם געשריי אין דער גאַס.

צי בלייבט נישט אַ טיפער וויברירנדיקער נאָכקלאַנג אין דיין האַרצן, נאָך דעם, וואָס דו האָסט איבערגעלייענט דאָס מאָלערישע שטימונגס־פולע, פעלד־ און וואַלד בוך, וואָס הייסט „די ברידער נעמזאַר״ ?

באמת, מען מוז צוריק שענקען דאָס ביסל גוטע, צאַרטע געפילן, די וואַרעמע ליבע, וואָס האָט אונז געגעבן דער „ברוגזער״ סעגאַלאָוויטש, דער דיכטער פון „אייביק איינזאַמע״, פון „קרימער נעכט״, פון „מיט דרייסיק יאָר עלטער״.

סעגאַלאָוויטש געהער צו אונזער דור שרייבער; ער איז נאָך פון די וואָס ווירקן אויפן סענטימענט; וואָס האַלטן נאָך פון דער שפּיל וואָס הייסט פריינטשאַפט, אינטימקייט און ליבע.

די צייט לויפט און מיט איר הויבן אָן ביסלעכווייז צו פערשווינדן אין רויך די דרשות פון מאָדערנע און אולטראַ־מאָדערנע ריכטונגען פון דער נאָך־מלחמהדיגער פאָעטישער פּראָדוקציע. די באָמבאַסטישע געשרייען פון דזשאַס־שרייער מיט די ברייטע דענקעס פון די קאָר־טענע היטלען, פון די משיח־ברענגער און דערלייזער — האָבן געפּלאַצט, און ווידער קומט צום אויסדרוק דאָס פשוטע מענטשלעכע געפיל. ווידער קומען די כלי־זמר מיט זייערע פשוטע כלי־זיין און אויפסניי הערן מיר די פלייט.

שמעון האַראָנטשיק

דער ראָמאַנטיקער

1

דאָס איז געווען אין „שפּעט־פרילינג פון דער יידישער ליטעראַטור", מיט אַ דריטהאַלבן צענדליק יאָר צוריק, ווען איבער איר האָט געהויערט דאָס וואַכזאַמע אויג פון י. ל. פּרץ.

מיר, אַ קליינע גרופּקע בחורים אין דער שטאָט קאַליש, נישט פון איין קלאַס, אָבער אַלע פאַרבונדן מיט אַ הייסער ליבע צו אַלעם וואָס ערשיינט אין יידיש,—פלעגן מיר זיך אָפט צוזאַמענקומען אין דאָרטיקן גרויסן אַלטן פּאַרק, אָפּקלויבן זיך אַ שטיל ווינקל, לייענען צוזאַמען און דערנאָך אַרומרעדן דאָס געלייענטע.

איינמאָל האָט איינער פון אונז געבראַכט אַ ביכל געדיכטן. דאָס ביכל האָט געהייסן „שטילע טרוימען", דער נאָמען פון אונז אַ נייער — „ז. סעגאַלאָוויטש". ביים איבערלייענען די ערשטע עטלעכע סטראָפן, האָבן זיך די מיינונגען געטיילט: טייל האָבן געהאַלטן, אַז—נישקשה... די אַנדערע, אַז נישט נישקשה, נאָר — שוואַך און נאָך יעדן ניי־אָפּ־געלייענטן ליד, האָבן יענע אַלץ דרייסטער געשריגן: שוואַך, זייער שוואַך!

נאָר אָט, ווען די שוואַך־זאָגער זענען שוין געווען באַלד אין דער מערהייט און דער „אורטייל" פון ווערקל איז ביי אונז שוין באַלד

געוועזן אָפּגעהחתמעט, איז מיטאַמאָל געקומען אין דער ריי איין ליד, וואָס האָט דעם „שוואַך" מיט איינמאָל אָפּגעשוואַכט, שפּעטער אַ ביסל זענען די שוואַך-זאָגער נאָך שטילער געוואָרן, און אָט לייענט זיך אַ ליד:

„די זון איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
און דאָך איז דער הימל אַלץ רויט;
מיין האַרץ איז איצט פול מיט פאַרלאַנגען,
כ'בין וויינען און לאַכן איצט גרייט".

— אָ, — מאַכן די נישקשה-זאָגער — דאָס איז שוין מער ווי בלויז „נישקשה" און די „שוואַך"-זאָגער לאָזן אַראָפּ די נעז.

דער פאָרלייענער אָבער לייענט ווייטער און פאַרכאַפּט אונז אַלץ מער:

„עס איז אַזוי שטיל אין די גאַסן,
עס איז אַזוי אומעטיק שיין,
אָט ווילט זיך מיט אַלעמען שפּאַסן,
אָט ווילט זיך גאָר בלייבן אַליין."

— ווייטער — שעפּטשען די „נישקשה"-זאָגער מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און די „שוואַך"-זאָגער שוויגן און האָרכן זיך שוין אויך צו מיט ביידע אויערן:

„עס ראַנגלט זיך שטיל אויפן פענסטער
דער לעצטער פאַרחלשטער פלאַם,
דער גאָלדענער שטערן דער שענסטער
באַווייזט זיך אין הימלישן ים.

„עס איז איצט ווי נאָך אַ מלחמה
די נאַכט האָט די שלאַכט אָפּגעקילט...

זיי רואיק, זיי שטיל, מיין נשמה,
איך האָב נאָך דערוויי͏ל נישט פאַרשפּילט.

איצט זענען אַלע שוין געווען פאַרכאַפּט און באַגייסטערט. מיר זענען ביז דעמאָלט גאָרנישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע צאַרטע קלאַנגפולע לידער. בלויז איינער פון אונז, אַן אַרבעטער, האָט נאָך געהאַט עפּעס אויסצוזעצן קעגן:

— דער מחבר פון די געדיכטן לעבט, זאָגט איר, אין דער פאַבריק שטאָט לאָדזש — טאָ כ'בעט אייך, פאַרוואָס איז נישטאָ אין דעם גאַנצן ביכל וועגן אונזער קאַמף, כאָטש וועגן פאַבריקן אָדער אַרבעטער, נאָר בלויז וועגן אייגענעם אומעט, פּייזאַזשן און ליבע?

אַזוי האָט זיך אָנגערופן דער דאָזיקער אַרבעטער און דערמיט נישט צוגעלאָזט די וואָגשאָל איינגאַנצן אַ שפּרינג אַרויף טון לשבח דעם מחבר פון דעם ווערקל „שטילע טרוימען”. אָבער דער איינדרוק פון די פערזן איז שוין געבליבן אַ שטאַרקער. צו אַ ווייטערדיק ליד „עס פּוסטעוועט די שוואַלבן־נעסט ביי מיר איבערן פענסטער” האָט איינער פון אונז צוגעפּאַסט אַ ניגון און מיר פלעגן עס זינגען. איצט האָבן מיר שוין מיט אינטערעס געלייענט די לידער פון ז. סעגאַלאָוויטש אין די לאָדזשער צייטונגען און אין די זאַמל־ביכער, וואָס זענען דעמאָלס פון צייט צו צייט דערשינען. איינמאָל, שוין שפּעטער, האָבן מיר געלייענט אין אַ פרייטיקדיקן „היינט” וועגן ז. סעגאַלאָוויטשעס אַ ניי ווערק. דער מחבר פון דער רעצענזיע איז געווען דער גרויסער י. ל. פּרץ אַליין, און געענדיקט האָט פּרץ זיין אַרטיקל וועגן דעם ווערק מיט די געהויבענע ווערטער:

„מיט אַ זעלכע ביכער מאַכט מען רייך אַ ליטעראַטור”.

אַ זעלכע דיבורים פון פּרצן! מיר האָבן נישט פאַרזאַמט און באַשטעלט ביים צייטונגס־אַגענט דאָס דאָזיקע נייע ווערק. דאָס איז געווען די

פּאָעמע „אין קאַזמיעזש". דאָ זענען שוין קיין צוויי מיינונגען נישט געווען. אַלע האָבן מיטן פולן מויל באַגייסטערט געשריגן:

— אָ, אָ, גוט, גוט!

צווישן אונז האָט בלויז געפעלט דער אַרבעטער. דער דעמאָלסדיקער ניין-זאָגער, אָבער צו ווייזן אים דאָס נייע ווערקל איז איצט געווען צו שווער. ער איז דערווייל פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. דאָס איז געווען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק.

II

שרייבן וועגן סעגאַלאָוויטשן איז גלייכצייטיק שווער און לייכט. שווער איז עס שוין דערפאַר, וואָס אין דער היינטיקער אומרואיקער, פון סאָציאַלע קאַמפן צעטרייסלטער צייט, איז סעגאַלאָוויטש אין די לידער זיינע — מיט קליינע אויסנאַמען — דורך און דורך אַן אינדיווידואַליסט. אין דער וועלט פון אַלגעמיינעם פיין און בלוטיקע שטרייטן טראָגט ער זיך אַרום מיט זיין אייגן האַרץ און געפיל, ווי צווישן אַ הונגעריקער מאַסע איינער מיט אַ טייערן בריליאַנט אין אַ סאַמעט ווייך געבעט שקעטעלע. ווי אַזוי למשל זאָל מען קוקן, ווען אויף אַ גאַס, באַלויכטן פון עלעקטרישע לאַמפן און גרעלן ליכט פון פּראָזשעקטאָרן, צווישן הין און הער פליענדיקע אויטאָס און מענטשן-שטראָמען, ווען, וויל איך זאָגן, אויף אַזאַ צעווירבלטער גאַס, קומט זיך צופאָרן אַ וועגעלע מיט שטילע שמעקענדיקע בלומען און פאָרויס גייט זיך דער מענטש פון אָט די בלומען מיט אַן אָנגעצונדענער אייל-לאָמפּ אין דער האַנט? יאָ, אי דער מענטש, אי די לאַמטערן און אַזוי אויך דאָס ציכטיק שיינע וועגעלע און די שמעקענדיקע בלומען זענען זייער פיין. אָבער — ווילן אַנדערע מורמלען: אין אַזאַ צייט? נישט געפונען קיין פאַסיקערע צייט צו קומען מיט זיינע בלומען?!

אָט אַזוי, אין דעם זין, האָט מיר אַן אַרבעטער-לייענער געזאָגט וועגן סעגאַלאָוויטשעס לידער.

מוזן מיר זיך אָבער קלאָר מאַכן, אַז דאָ רעד איך דער עיקר וועגן סעגאַלאָוויטשעס לידער. זיינע בעלעטריסטישע ווערק און זיינע „ברי־דער נעמזאַר" בפרט דאַרפן באַזונדער באַהאַנדלט ווערן. וואָס שייך סעגאַלאָוויטשעס לידער, — נישט היינט און נישט נעכטן האָט סעגאַ־לאָוויטש אָנגעהויבן אונטערצוטראָגן דעם יידישן לייענער זיינע צאַרטע בלומען. שוין דרייסיק יאָר! דריי יוגנטן זענען שוין אויף זיי דער־צויגן געוואָרן. איינער פון די ערשטע — אויב טאַקע נישט דער ערשטער — איז ז. סעגאַלאָוויטש געווען דער וואָס האָט אַריינגע־בראַכט דאָס ליבע-ליד און דעם פּייזאַזש אין דער יידישער פּאָעזיע. סעגאַלאָוויטש זינגט נישט אין ריימען וועגן ליבע, נאָר באַזינגט טאַקע די ליבע אַליין. מיט פאַרב און פענזל באַזינגט ער די ליבע אין אירע פאַרשידענע ניואַנסן און שאַטירונגען. זיינע „צייטיקע טרויבן" פאַרמאָגן פערזן און סטראָפן, וואָס באַרוישן דיך אָפּט ביז שכרות...

און איצט סעגאַלאָוויטשעס נאַטור-לידער. אויף דעם דאָזיקן געביט איז סעגאַלאָוויטש ביי אונז אין דער פאָדערשטער ריי. אָפטמאָל טראַכט איך: פון וואַנעט קומט צו דעם דאָזיקן קינד פון די פאַבריק-שטעט ביאַ־ליסטאָק און לאָדזש אַזאַ ליבע צו דער נאַטור און זין זי צו מאָלן? לייענט זיינע נאַטור-לידער און פּייזאַזשן אין די פּאָעמען און דער־ציילונגען, ווו זיי זענען צעוואָרפן, און איר בלייבט שטיין פאַר אַ רעטעניש.

— ווי קומט דאָס צו אַ ביאַליסטאָקער ייִד?

נישט אַנדערש, נאָר אין סעגאַלאָוויטשן האָט זיך געמוזט אָנזאַמלען פון די פריערדיקע דורות דער דראַנג צו דער נאַטור און ביי אים אַ תיקון געפונען.

אין 1918 אין יאַלטע (קרים)

„דו ביסט געווען אַ באַגינען אין פעלד
אין בין דאָרט זייען געקומען,
האָב איך דיין טוי צוגענומען, —
דו ביסט געווען אַ באַגינען אין פעלד.

„דו ביסט געווען אַ פאַרשלאָפענער ים,
איך בין געווען אַ פאַרבאָרגענער ווינט,
זענען מירביידע צוזאַמענגעקומען,
האָבן די פאַליעס זיך שפּילן גענומען,
שפּילן און טאַנצן און שפּריצן מיט פלאַם, —
דו ביסט געווען אַ פאַרשלאָפענער ים"...

(לידער פון נעכטן)

און אַזעלכע לידער קאָן מען דאָרט געפונען אַ סך. איך האָב נישט גענומען דאָס בעסטע.

III

איך האָב בלומען זיי געטראָגן,
זיי האָבן שטיינער מיר געוואָרפן,
איצטער וואַרט איך, אַז די שטיינער
זאָלן ווידער בלומען ווערן.

טיילמאָל, אַז איך זע סעגאַלאָוויטשן שפּאַנען אין ליטעראַטן־פאַריין, פון שטוב צו שטוב דורך די אָפענע טירן, אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט שוואַרצע האָר, וואָס נעמען שוין גרויען, גייט ער אַזוי שווייגנדיק פאַרכמורעט מיט אַ טרויער אין די אויגן — דערמאָנט זיך מיר אָט די אויבערשע סטראָפע. ס'איז ביי אונז אָנגענומען, אַז

„סעגאַלאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין אַ הייבעלע״, איז פון די געציילטע גליקלעכע; ווערט אַ סאַך געלייענט, איז מאַטעריעל פאַרזאָרגט, מער ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער... און דאָך — אַ שטענדיקער קומער קוקט אים פון פנים. פאַר אַ פרישן מענטש מאַכט דאָס אַן איינדרוק, אַז ער האָט פאַר זיך אַ בייז־בלוטיקן מיזאַנטראָפּ. איך גריבל מיך אָפּט און וויל געפינען אַ באַשייד דערויף.

אמת, פאַרהעלטנישמעסיק איז ביי אונז וועגן סעגאַלאָוויטשן ווייניק געשריבן געוואָרן. מ׳האָט אים נישט צופיל „געשמיסן״ אָבער נאָך ווייניקער געלויבט. און אַ שרייבער, וואָס האָט שוין דרייסיק יאָר שאַפן, וואָס האָט שוין זיין פרוכט אָנגעזאַמלט איבער אַ האַלבן שייער — מעג פאַרלאַנגען אַז — אַזוי צי אַזוי — מ׳זאָל אים גרינטלעך באַהאַנדלען.

דאָס איז איינס. עס איז אָבער נאָך עפּעס:

עמעצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פּאָעטן האָבן פרויען־נשמות. און דאָס איז ביז אַ געוויסן גראַד ריכטיק.

אַזוי ווי אַ פרוי האָט נויטיק, אַז מ׳זאָל זי באַוווּנדערן, זיך אַנטציקן מיט איר — — די שענסטע פרוי, אַז מ׳זאָל נישט קוקן אויף איר, נישט דערמאָנען פון צייט צו צייט, אַז זי איז שיין, אַז זי איז באַצויבערנד — ווערט זי אָפּגעלאָזן, און איר שיינקייט נעמט ביסלעכווייז וועלקן, ווי אַ בלום אין אַ פינסטער חדר אָן זון־שטראַלן—

דאָס אייגענע איז מיטן דיכטער. ער דאַרף האָבן די באַוווּנדערונג, ער דאַרף האָבן די וואַרעמע אַטמאָספערע אַרום זיך. פונקט ווי אַ פלאַנץ — זון שטראַלן. אָבער — ביי אונז?..

אברהם זאַק

דער עלעגישער סעגאַלאָוויטש

אַ שטילער, עלעגישער אומעט ווייעט אויף אונז, ווען מיר לייענען סעגאַלאָוויטשן. אין דערזעלביקער שטימונג פֿאַלן מיר אַריין סיי ווען מיר לייענען זיינע לירישע לידער, סיי זיין פּראָזע. ווייל אויך אין זיין פּראָזע איז סעגאַלאָוויטש דורך און דורך ליריקער. כמעט אַלע זיינע דערציילונגען און מיניאַטורן זענען באַהויכט מיט אַ לירישן אָטעם. אין יעדער נאָוועלע סעגאַלאָוויטשעס פֿילט זיך די נשמה פֿונם דיכטער. אָפּטמאָל דאַכט זיך אייך, אַז די העלדן זיינע רעדן מיט זיין לשון, ליידן מיט זיינע ליידן און בענקען מיט זיין בענקשאַפֿט... אַפֿילו אין זיינע ווערק, וועלכע טראָגן אין פֿלוג אַ ריין-עפּישן כאַראַקטער — אומעטום רעדט אַרויס דער „איך״ פֿונם אויטאָר — דער ליריקער.

צי איז דאָס אַ מעלה אָדער אַ חסרון פֿאַר אַ שרייבער? צי מוז אַ שרייבער דווקא בלייבן שטענדיק אַ רואה ואינו נראה? אינקאָגניטאָ?— וועגן דער דאָזיקער פֿראַגע קאָנען זיין פֿאַרשידענע מיינונגען אין דער ליטעראַטור-קריטיק. אַ פֿאַקט איז אָבער, אַז נישט בלויז אין אַ פּייזאַזש, צי אין אַ קאָמפּאָזיציע, נאָר אַפֿילו אין דער צייכענונג פֿון אַ פּאָרטרעט איז שווער צו איגנאָרירן די פּערזענלעכקייט פֿונם קינסטלער.

פֿילן מיר טאַקע אַרויס סעגאַלאָוויטשעס „איך״ נישט נאָר אין זיינע לידער און נישט נאָר אין זיינע קורצע, קאָנדענסירטע מיניאַטורן („סענטימענטן״), נאָר אַפֿילו ווען ער מאָלט אונז די קאַזמיעזשער

בעלי־עגלות. דאָס ליגט שוין אין זיין בלוט. תמיד גייט ער צו צו זיינע העלדן דורך זיינע „א י ג ע נ ע" וועגן, קוקט אויף זיי דורך דער פּריזמע פון זיין „איך" און אַזוי מאָלט ער זיי, אַזוי גיט ער זיי אונז.

סעגאַלאָוויטשעס שאַפונגען זענען בכלל פאַרבונדן מיט א ו נ ז ע ר גע־נעראַציע. אים איז נאָענט דער מענטש פון ה י י נ ט. די וועלט־קאַטאַק־ליזמען פון די לעצטע יאָרן האָבן געלעגט אַ באַזונדער חותם אויף דער פּסיכיק פונם מאָדערנעם מענטש. געטער זענען געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן. לוחות זענען געקריצט געוואָרן און צעבראָכן געוואָרן. שטורם־ווינטן האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער אונזער לעבן און געזייט וויסטקייט. ווער ס׳איז אַרויס אַ צעבראָכענער פונם שטורעם, ווער מיט נייעם גלויבן...

סעגאַלאָוויטש איז אויפגעקומען אויף אונזער ליטעראַרישן האָריזאָנט נאָך פ אַ ר דער דאָזיקער תקופה — מיט אַ סך גלויבן, מיט „שטילע טרוימען"... ער האָט דאַמאָלס געזונגען זיינע לירישע געזאַנגען, גע־שמידט דאַן די האַרציקע פּערזן פון אַ „רייזעלע דעם שוחטס", פון „אין קאַזימיערזש". איז געקומען די תקופה פון רעוואָלוציע און אי־בערקערעניש — און די שטילע געזאַנגען זענען מיטאַמאָל פּאַרטויבט געוואָרן. נישט געבליבן לכתחילה קיין אָרט פאַר בעלי־חלומות...

אין די ערשטע „האָניג־טעג" פון רעוואָלוציע זעען מיר אַפילו סעגאַ־לאָוויטשן, ווי ער ווערט מיטגעריסן אויף די שטורמישע גאַסן אין מאָסקווע, צווישן די טריאומפירנדיקע גרויסע מאַסן, וווּ עס האָבן גע־הילכט די טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל", („אין רוסלאַנד"). זייער גיך אָבער ווערט דער דיכטער צוריקגעשטויסן פון אַ כוואַליע און ער בלייבט אויף יענער זייט. אַליין מיט זיין „איך", מיט זיין דיכטערישן באַגאַזש. סעגאַלאָוויטש בלאָנדזשעט אַזוי צווישן די מענטשן פון ספקות און רעזיגנאַציע. נישט קאָנענדיק מיטזינגען מיטן אַלגעמיינעם כאָר,

אַנטלויפֿט ער פֿון אַלץ און אַלעמען און זוכט אויף דער ערד אַ מקום מקלט פֿאַר מענטשלעכע ליידן און פֿריידן. געיאָגט פֿון אַ טיפֿן אומרו, לויפֿט ער פֿון שטאָט צו שטאָט און זוכט — רו...

אַנטלויפֿט ער פֿון די צעשטורעמטע שטעט און קומט צו פּעלזן, צו אַ ים.

דאָרט, אויף די רוקנס פֿון פּעלזן, ביי די שוימענדיקע כוואַליעס פֿון ים, איז דאָס בעסטע אָרט פֿאַר דיכטערישער התבודדות. דאָרט אין יענער גאָטס־געבענטשטער שטילקייט פֿון קרימער גן־עדן דערוואַכט דער שאַפֿונגס־גייסט. און פֿון דאָרט טאַקע שטאַמט סעגאַלאָוויטשעס שענסטער נאָוועלן־קראַנץ „קרימער נעכט".

די „קרימער נעכט" זענען טאַקע דער לייט־מאָטיוו פֿון זיין מהות. די אַלע העלדן, וועלכע מיר באַגעגענען דאָרט, זענען אים לייבלעך נאָענט. אַלץ געשטאַלטן בצלמו. דאָס זענען אַלץ מענטשן, וועלכע זע־נען אַנטלאָפֿן פֿון דערווירקלעכקייט. נישט קאָנענדיק שלום־מאַכן מיטן לעבן, זוכן זיי אין דער איינזאַמקייט אַ מקום־מקלט, כּדי צו קאָנען לעבן מיטן אייגענעם „איך", מיט דעם געראַטעוועטן ביסל פֿרייד... און אין דער איינזאַמקייט זענען פֿאַר די איינזאַמע נאָך פֿאַראַן אמתע תּענוגים: פּעלזן, רוישנדיקע וואַסער־פֿאַלן, געבערויז פֿון ים, שפּיל פֿון מעוועס, מאַנגאָליעס, פֿאַרביקע זון־אונטערגאַנגען...

אין דער איינזאַמקייט איז נאָך אויך פֿאַראַן ליבע, אמת אַ האַלב־קרענקלעכע, וועלכע דערשיינט דאָרט אָפֿט צו די מענטשן פֿון רעזיג־נאַציע ווי „אַן אומגעבעטענער גאַסט", וועלכער צושטערט נאָר די איינזאַמע אידיליע („אַ מענטש איז פֿאַרשוווּנדן").

אַ טייל פֿון סעגאַלאָוויטשעס העלדן זענען געקומען צו דער מדרגה פֿון הפקרדיקייט, פֿון „בראָדיאַגישקייט" (אינדיווידום בורסקי, דאָנדעל און אַנדי). אין לעבן איז זיי שוין ווייניק געבליבן אויף וואָס זיך

אָפּצושטעלן, וואָס קאָן זיי פֿאַרשיכורן, אַחוץ דער ביטערער טראָפּן, וואָס באַשאַפֿט קינסטלעכע קאָלירן פֿאַרן גלייכגילטיקן בליק און אויס־געליידיקטער נשמה, דערצו דער סאַרקאַסטישער געלעכטער די רואיקע אין פּנים אַריין, דער אָפֿענער חוזק איבער די אויסדרעסירטע זיטן און „באָנטאָן" פֿון די „פֿיין־דערצויגענע". פֿאַר אַלע געסט אין פּענס־יאָנאַט „עמפּיר" דערשיינט דאָנדעל ווי אַ רעטעניש. ווער איז ער? וואָס איז ער? עס גייען השערות: „אַ ניהיליסט"... „אַ שאַלאָפּיי"... אי. א. וו. דאָנדעל איבעראַשט אַלעמען מיט זיין אויפֿפירונג. אָט, למשל, ווייזט ער זיך גאָר אַ באָרוועסער אין זאַל, ווו דער גאַנצער עולם פֿון „עמפּיר" האָט זיך צונויפֿגעקליבן הערן אַ פֿריילעכן קלאַוויר שפּילן. אַ מין צולהכעיס איבער די „דרעסירטע זיטן". אַלע זענען אויפֿגערעגט, אָבער דאָנדעל האַלט אָפּ געלאַסן און אויפֿגעלעגט אַ גאַנצע טיראַדע:

„איר ווייסט׳ בעת מען גייט באָרוועס, פֿילסטו, אַז אונטער דיר איז פֿאַראַן אַן ערד. די זאַמדלעך קריכן אַריין אין דער הויט. די ערד, די גרויסע ערד רירט זיך צו צו דיין ווערן און מען ווערט עפּעס דרייסטער ביי זיך".

דאָנדעל אַליין האָט אויף זיין נישט „קאָנקרעטע" אויפֿפירונג אַ דערקלערונג:

„בעת איך זע אַ שטייענדיק וואַסער מיט שימל פֿאַרצויגן, וואַרף איך אַריין אין אַזאַ וואַסער אַ שטיין".

לייכט און שפּילעוודיק איז די גאַלעריע פֿרויען־געשטאַלטן, וואָס מיר באַגעגענען אין די „קרימער נעכט". די פֿרוי דערשיינט פֿאַר אונז אין איר פֿיזישער שלאַנקייט און גייסטיקער ראַפֿינירטקייט. זי שמייכלט רייצנד און ליגעריש און פֿאַרשפּרייט אירע נעצן... לייכזיניק שפּילט זי זיך מיטן האַרץ און מיט דער נשמה פֿונם מאַן, קוקט זיך צו מיט תּענוג צו

דעם קאַמף, וואָס גייט אַרום און צוליב איר, ביז — ביז זי פאַלט אַמאָל אַליין אַלס קרבן פון איר פאַלשקייט („אַ שבועה פון אַ ציניינער"). על-פּי-רוב אָבער בלייבט זי שטיין פון דערווייטנס אַ זאָרג-לאָזע, און אירע קרבנות ווערן דורך איר געשטויסן אין אָפּגרונט. אָבער סעגאַלאָוויטש באַמיט זיך גאָרנישט צו באַווייזן, אַז פרויען זענען פאַלש — פאַר אים איז עס קיין פראַגע נישט. ווי זאָגט איינער פון זיינע קאָרטנשפּילער (נאַכט אויף דרום"):

„ווען אַ פרוי, ווען יעדער איינער זאָלסטו קיינמאָל נ'שט זאָגן, אַז זי איז דיינע און זאָלסט קיינמאָל נישט זאָגן, אַז זי וועט דיינע נישט זיין"...

גיכער פון אַלץ ווייזט אונז סעגאַלאָוויטש די מענער, ווי ווייט און אויף וואָסער מדרגה עס דערגייט זייער קנעכטשאַפט אָדער העלדישקייט אין דער אייביקער מלחמה פון די „ביידע ראַסן" אינם מענטשלעכן קאָלעקטיוו... ווער עס קאָן זיך אויסשמידן אַ האַרץ פון בליי און בלייבן רויק (ד"ר אַרנאָלד); ווער עס רעזיגנירט פון קאַמף און לעבן („אַ מענטש איז פאַרשוווּנדן"); ווער עס דערגייט ביז לעכערלעכקייט („אַ שרפה"); ווער צום קולימינאַציע-פּונקט פון נקמה („אָסמאַן" און „אַ שבועה פון אַ ציגיינער").

דער דאָזיקער בליק אויף דער פרוי קומט ביי סעגאַלאָוויטשן צום אויסדרוק אויך אין אַ ריי פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק — אין נאָ-וועלן ווי אין ראָמאַנען. אומעטום מאָלט ער אונז דיסקרעט דעם שטילן, אָבער טיפן קאַמף פון די „ביידע ראַסן". דידאָזיקע פּסיכאָ-לאָגישע שילדערונגען גיט אונז סעגאַלאָוויטש פיין און סובטעל. מיט פאָרזיכטיקע פינגער ציט ער אַראָפּ דעם זיידענעם שלייער פון דער מאָדערנער פרוי, פאַרקוקט איר טיף אין די רעטעניש-פולע אויגן און ווייזט אונז איר קאַפּריז פּנים...

מיט דעם חבר טונקעל אין אָטוואָצק 1928

* * *

איצט האַלט עס ביי אַ דערוויילּיקן סך־הכּל: אַ יובל איז דאָך אין תּוך אַ שטיקל חשבון הנפש, אַ מין סך־הכּל.

דרייסיק יאָר לּיטעראַרישע שאַפונג פון אַ דיכטער.

דער זייער פּראָדוקטיווער סעגאַלּאָוויטש האָט שוין מיט אַ באַדייטנ־דער צאָל בענדער באַרייכערט די יודישע ליטעראַטור. די לעצטע יאָרן כּמעט בלויז פּראָזע. אין זיין לייט־מאָטיוו אָבער, אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה, איז סעגאַלּאָוויטש געבלּיבן דערזעלבער לּי־ריקער ווי אין זיינע ערשטע עטאַפּן. מעג ער אונז שילּדערן די שטאָט, דעם מענטשן פון שטאָט — פון צווישן די שורות אָטעמט מיט ז י י ן שטימונג, מיט ז י י ן אַלטער בענקשאַפט צו די שיינקייטן פון נאַטור, צו בלּויקייט פון הימל און צו שטילּקייט פון פעלד...

ווי זאָגט דער דיכטער אַליין („סענטימענטן"):

„אין די געדאַנקען, אין דעם טיפסטן ווינקעלּע פון מיין האַרץ האָב איך איין ציל: ענדיקן מיט דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבן... מיט אַביסעלּע גרינס אויף דער ערד און מיט אַביסעלע בלּויקייט פון הימל"...

שמואל זאַראָמב

א פענסטער צום ים

סעגאַלאָוויטשעס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור אין משך פון דרייסיק יאָר, איז געווען דער קאַמף פון אַ מענטשן, וואָס האָט מער נישט געוואָלט, אויפן שטייגער פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און פרץ זאָגן „מיר", מיר אָרעמעלייט, מיר יידן, מיר חסידים, נאָר „איך". איך דער מענטש מיט מיין אייגן קאַפּריז, אומפאַרשטענדלעך האַרץ, וואָס האָט ליב און פיינט, טוט ווייי און פרייט זיך און האָט אייגענע חשבונות מיט וועלט און גאָט.

איז דאָס געווען אַ צוריקגאַנג? ניין, די וועלט מאַכט קיינמאָל נישט דורך די געשיכטע פון יחיד צום כלל, נאָר פאַרקערט, פון כלל צום יחיד. וואָרן אונטער דער מאַנסבילשער דיכטונג פון מענדעלע, שלום עליכם און פרץ האָט אַרויסגעקוקט דאָס פאַרוויינטע און לאַכנדיקע פּנים פון יידישן מיידלשן פאָלקס-ליד, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ תיקון. סעגאַלאָוויטש פון איין זייט און דוד איינהאָרן פון דער אַנדערער זייט האָבן דאָס יידישע פאָלקסליד, אַ פאַרפּוצטס. אַן איבערגעטוענס, באַהאָנגען מיט אַלערליי צירונג פון דער אייראָפּעישער דיכטונג, אונטער די הענט אַריינגעפירט אין דער ניי-אויפגעבויטער היים פון דער יידישער פּאָעזיע.

סעגאַלאָוויטש האָט דאָס פאָלקסליד אָנגעטון אין היימיש-פוילישן באַלאַדע-חן, פונקט ווי דוד איינהאָרן האָט עס פאַרשלייערט אין זיבן שלייערן פון אַלטער יידישער קבלה-ראָמאַנטיק. „רייזעלע דעם שוחטס" האָט מען געזונגען אויף די לבנה-באַגאָסענע טראַקטן פון אַלע יידישע שטעט

און שטעטלעך... אַרומגעוואַשן דורך טרערן און זיפצן, האָט עס באַקומען די לויטערקייט פון אַ זיסן חלום, וואָס פאַרגיטיקט אַלע באַצולהטע, וואָס לייקנט אָפּ דעם טויט; איך מיין, יענע ווירקלעכקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך איר וועג איבערן קלאָרן זאַמד אויף דעם אָפּגרונט פון דער נשמה און וועלכע פאַרלייקנט דעם העלן טאָג פון די הימלען און באַשאַפט אַ נייע ליכטיקע זון אין דער טיפעניש פון אַן אַנדער וועלט.

דער וועג פון סעגאַלאָוויטשעס ערשטע לידער ביז זיין פּראָזע איז געווען אַ ווייטער אָבער אַ גלייכער. געטריי זיין אייגענעם קרעדאָ, זוכט ער דעם מענטשן נישט אין זיין באַטאָגיקער עקזיסטענץ נאָר אין שאַרלאַכענעם בין השמשות, ווען דער אוראַלטער, פּרימיטיווער, אַטאַוויסטישער אומרו וואַקסט אויף אין אים... ווען זיין אינטימער מהות הויבט אויף זיין פאַרוויינטן קאָפּ און הויבט ווידער אָן צו פרעגן די אַלטע קשיא אויף לעבן, וועלט און טויט. ער זוכט דעם מענטשן אין דער טיפער נאַכט, ווייל ער האָט באַגריפן, דער דיכטער, אַז דער מענטש איז נישט דאָס וואָס ער טוט, נאָר וואָס ער חלומט. דערפאַר איז סעגאַלאָוויטשן אַזוי גלייכגילטיק, מיט וואָס זיין העלד באַשעפטיקט זיך אין דער טאָג-טעגלעכער ווירקלעכקייט. ער באַשעפטיקט זיך?—פאַר סעגאַלאָוויטשן איז גענוג, ווען ער זאָגט, אַז זיין העלד איז אַן אינזשיניער, אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט, אַ באַאַמטער אָדער אַן אַרבעטער, ווייל אין אונזער היינטיקן סדר איז באַרוף אַ צופאַל און אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן יחיד טיילמאָל בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער רופט אַרויס ביי אים עקל און ווידערווילן און אַ דראַנג אים פטור צו ווערן און פאַרגעסן. און סעגאַלאָוויטש האָט ליב צו שילדערן אַ מענטשן אין דער נאַכט פון זיין פ אַ ר ג ע ס ן יענע „ווירקלעכקייט", אין דער נאַכט פון זיין טיפסטער, געהיימסטער עקזיסטענץ.

איז דערפאַר נישט קיין צופאַל, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט אַזוי שטאַרק

ליב די נאַטור, וועלכע גיט אים די מעגלעכקייט צו אינדעטערמיני־
זירן דאָס לעבן און דעם טויט, וועלכע ער טוט אויס פון יעדער אוי־
סערלעכער קויזאַליטעט. וואָס טוט אינזשיניער ב. אָדער ג.? ער לעבט,
ליבט און שטאַרבט. און שטאַרבן שטאַרבן סעגאַלאָוויטשעס העלדן מיט
אַ זיסן טויט; וואָרן סעגאַלאָוויטש אַפּאָטעאָזירט דאָס לעבן אויף אַזוי
ווייט, אויף וויפל ער האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן די מחיצות צווישן לעבן און
טויט און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט די גרויסע נאַטור־מיסטעריע,
וואָס מיר זעצן איבער אויף אונזער מענטשלעכן לשון „ליבע”. באמת,
ביי קיין שום יידישן שרייבער האָב איך נאָך נישט געזען אויף אַזאַ
מערקווירדיקן אופן צוזאַמענמישן די דריי, אין אונזער טעגלעכער
שפּראַך אָפּגעזונדערטע באַגריפן פון לעבן, ליבע און טויט, ווי אין
סעגאַלאָוויטשעס ווערק — אין זיינע פערזן און דערציילונגען. סעגאַלאָ־
וויטש ווייס, אַז די מיסטעריע פון דער גאַנצער נאַטור שפּילט זיך אָפּ
דאַן, ווען די זון, די שטרענגע מאָראַלישע באָבע גייט אַוועק פון דער ערד
און די וועלט בלייבט אַליין מיט די שטערן, מיט איר האַרץ און
מיט איר שטילן ליידנדיקן גאָט. די נאַכט אויף דרום איז טיפער און
נאַכטישער ווי אונזערע צפונדיקע נעכט, און די נאַכט אויף דרום,
אויפן אייביק זיך וואַלגערנדיקן ים איז טיפער און ליידנשאַפטלעכער
ווי די דרום־נעכט. דערפאַר האָט ער זיינע בעסטע העלדן, כ׳מיין די
כאַראַקטעריסטישסטע סעגאַלאָוויטש־העלדן אַוועקגעפירט צום דרום ביים
ים. די העלדן פון די „קרימער נעכט” פאַרלייקענען מיט זייער דאָ
זיין דעם באַגריף פון צייט און רוים. זיי לעבן אייביקייטן אין איינ־
טאָגיקע עקזיסטענצן. אין זייער קורץ, אייביק מעשהלע באַטיילן זיך
תמיד דריי עלעמענטן: ליבע, טויט און ים. סעגאַלאָוויטש איז איי־
נער פון די ערשטע אין יידיש, וואָס האָט געפּרוווט אויף אַן אמת־
פאַנטעיסטישן אופן אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון טויט; געפּרוווט,
הגם איך האָב מורא צו זאָגן: טאַקע אָפּגעלייקנט. אין דעם זין איז
ער אמת יידיש לויט זיין וועלט־באַנעם, לויט זיין אַנונג און לויט זיין

שטימונג, הגם ער איז אַזוי נישט צוגעבונדן צו ריין־יידישע טיפּן. אין דעם זין פאַרפאָלגט ער געטריי די טראַדיציע פון די אַלטע העברעער, וואָס האָבן תמיד געהאַלטן די גאַנצע וועלט אויף זייער קאָפּ און גע־ווען די שעפער פון קאָסמאָפּאָליטישע רעליגיעס. מ׳דאַרף קענען פאַר־שטיין און מוחל זיין דעם דיכטער זיין נערוועישע פעדער, וואָס גייט איבערן פּאַפּיר, פּונקט אַזוי ווי זיינע העלדן גייען איבער דער וועלט: מיט די טריט פון זומער־פייגל, שמעטערלינגען און נאַכט־פלאַטער, וואָס דרייען זיך האַסטיק ביז אומקום אַרום די ליכט פון אונזער לעבן. דאָס איז דער וועג פון פאָלקסליד ביז דער טראַגעדיע. ווייל אין עמבריאָן פון פאָלקסליד דרימלען תמיד די יסורים פון לאַנגע דורות דיכטער, וואָס שטייען אויף און פאַרגייען, ווי לאַנג דאָס פאָלק גופא איז פעיק אויסצוהאַלטן זיין טאָג פון עקזיסטענץ אין די גרויסע שטורעמס פון דער געשיכטע. ווער איז סעגאַלאָוויטש? — ער איז נישט מער ווי אַן אָטעם אין דעם דאָזיקן לאַנגן זיפץ פון פאָלקס־ווייטיק און פאָלקס שמחה, וואָס מיר רופן אָן מיטן אינדיפירענטן מעכאַנישן וואָרט „קול־טור“: טאָ וואָסזשע איז דאָ דער אונטערשייד, צי סעגאַלאָוויטש זיפצט אין לאַנגע, טרויעריק־פילאָזאָפישע זיפצן, ווי למשל אַ טאָמאַס מאַן, אָדער אין קורצע אָפּגעהאַקטע זיפצן, ווי דער זקן טאַגאָר? וואָרן ס׳וואָלט געווען אַ טעות — דערפאַר וואָס סעגאַלאָוויטש פאַרנעמט זיך זעלטן און נישט גערן מיט געזעלשאַפטלעכע טעמען — אָנצונעמען אים פאַר אַ קוויעטיסט און אַן אָנהענגער פון קונסט לשם קונסט. אויך די גאַנצע טענה מיטן יחיד איז זייער פּראָבלעמאַטיש. ווייל סעגאַלאָוויטש זעט נישט קיין אָפּגעריסענעם יחיד, וועלכער איז בכלל אויף דער וועלט נישטאָ. ער זעט אים אין דער גרויסער שייכות מיט די קאַטעגאָרישע געזעצן פון זיין מאַיעסטעט דאָס לעבן גופא, וואָס האָט אָנגעשיקט אויף דעם אינדיווידו אַלע ארבע מתות, וועלכע שלאָפן מיט אָפענע אויגן אין די ווינקלען פון זיין ביאָלאָגישער עקזיסטענץ. מ׳רעדט זייער אָפט ביי יעדער געלעגנהייט וועגן סעגאַלאָוויטשעס

איינגעפלאָסנקייט אין דער נאַטור. מ׳וואָלט אָבער איינמאָל געדאַרפט פּרוּוון זיך אויסמאָלן דאָס פּנים פון יענעם טראַגישן, מענטשן־איינזאַ־מען מאַן, וואָס גייט שווייגנדיק אַרום אין די טיפע דזשונגלעס פון זיין פאַרפלאָנטערטן טונקעלן האַרצן, בעת ער געפינט זיך מיט אונז, זיצט מיט אונז ביי איין טיש, רעדט מיט אונז די זעלבע רייד, שמועסט פון פּאָליטיק, זאָגט מיינונגען אמתע און פאַלשע... בעת ס׳ווערט אַזוי פּלוצלינג שטיל אַרום, עס פאַרשווונדן אַלע פּנימער ווי אין רויך, און ער הערט זיך אויפמערקזאַם, ווי דער אומרויקער קאָסמישער ווינט רירט און וויגט די אויסגעשטרעקטע צווייגן פון זיין וואַלדישער, טיף חלומדיקער איינזאַמקייט. וואַלד און פעלד, טייכן, ימים — דאָס איז נאָר דער טיפער גלאַנץ, אין וועלכן עס האָט ליב אַריינצוקוקן דאָס אומרואיקע האַרץ, וואָס האָט ליב דעם ווייטיקלעכן טרייסט פון דער אומענדלעכקייט: דאָס איז די אומענדלעכקייט, וואָס לייזט אונז אויס פון דער מורא פאַרן טויט. וואָרן אויפן וועג פון דעם דיכטערס גאַנג אין לעבן אַריין האָט דער טויט אים, דעם דיכטער, אויסגעוויילט זיך צו ראַנגלען מיט אים. דערפאַר איז דער דיכטער דער, וואָס לעבט איבער דעם גרויל פון טויט אויף אַ צענפאַכן, הונדערט־פאַכן אופן, און דער דיכטער. דער העלדישער דיכטער, איז דער ערשטער, וואָס מוז אים באַזיגן און אַנטוואָפענען.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין סעגאַלאָוויטשעס ליבע־בוך אין די „קריי־מער נעכט״ באַווייזט זיך אַזוי פיל מאָל דער טויט? אָבער פּנים אל פּנים מיט דער גרויסער סטיכיע פון ים און ליבע, פאַרלירט ער זיינע שוואַרצע הערנער, פּונקט ווי די ליבע און פּונקט ווי דאָס לעבן אַליין ווערט ער — אומענדלעכקייט.

איך האָב מיך דאָ אין דעם פייערלעכן מאָמענט פון סעגאַלאָוויטשעס דרייסיק יאָריקן יובעליי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין דעם סקאַרבאָוון נוסח פון קריטיק און אָפּשאַצונג. דעריבער זאָל מיר דער לייענער

מוחל זיין, וואָס איך האָב מיך דאָ נישט אָנגעגרייט אַ צענדליק ציטאַטן, כדי זיי צוצעקייען און אַריינצולייגן אים אין מויל אַריין. די ציטאַטן וועט ער געפינען, ווען ער וועט לייענען סעגאַלאָוויטשעס ביינצן בענדער. האַלטנדיק שוין ביים סוף פון אָט דער קורצער אימפּרעסיע וועגן סעגאַלאָוויטשן, קען איך נישט דורכגיין און נישט דערמאָנען אַן איינדרוק פון אַ סך נאָוועלן, וואָס גייט מיר שוין נאָך אַ צענדליק יאָר. אַן איינדרוק פון עפּעס אַ ווילדער כאַאָטישער וועלט מיט פעלזן און ים. קוקסטו אָן אַ פעלז, מעג ער זיין צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער אַנדערע — זעסטו אים תמיד איינזאַם. ציזאָגט מען נישט דערפאַר „עלנט ווי אַ שטיין״? און עפּעס נאָר דורכן איינדרוק פון דעם נאַטור-כאַאָס, פון אָט די פעלזן-שטיינער און ים, וועלכע סעגאַלאָוויטש שילדערט אַזוי גערן און אינטענסיוו, קען איך אָפּפילן דעם קינסטלערישן מהות פון סעגאַלאָוויטשן, וועלכער האָט זיך אַליין אויסגערופן פאַרן אייביק איינזאַמען דיכטער. פאַראַן אַ דערציילונג ביי אים וועגן אַ געהיימנישפול פאַטאַל צימער, וואָס איז רייך מיט טויטן און זעלבסטמאָרדן — מיט אַ פענסטער צום ים. דער דיכטער רופט עס אָבער אָן: „דאָס צימער פון ליבע״.

צי האָבן מיר נישט אין סעגאַלאָוויטשן אַזאַ מין פענסטער צום ים?